YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i26

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 26
June 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 26)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/307

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אַן מיין גערעכטיג־קייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט שלעפען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן

Vol. VIII. No. 26. | New York, Friday, June 25, 1926 | פרייטאָג, 25טען יוני, 1926 | PRICE 3 CENTS

קלאָוקמאַכער! אויף צו דער דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, דינסטאָג 4 נאָך מיטאָג

די מיטגלידער פון אַלע קלאָוק־לאָקאַלס פון דזשאָינט באָארד, די אָפּערייטאָרס, פינישערס, פּרעסערס, קאַטערס, סאַמפּעלמאַכער, סקוירט מאַכער, באַטאָנהאָל מאַכער, עקזאַמינערס און דעזיינערס, זיינען אויפגעפאָדערט צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג דינ־סטאָג, 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. — די פאָלגענדע רעדנער וועלען אדרעסירען די היסטאָרישע פאַרזאַמלונג: וויליאם גרין, פּרע זידענט א. פ. אָוו ל., איינגעלאַדען דורך פּרעזידענט זיגמאַן. — רעדנער געלאַדען פון דזשאָינט באָארד: דזשאָהן פ. קאָוגלין, סעקרעטער פעדערייטעד טריידס קאָונסיל; אַרטורא דזשאָוואַניטי, סעק. „איטאַליען טשיימבער אָוו לייבאָר"; סידני הילמאַן, פּרעזידענט פון די אמאַלגאַמייטעד; מאָריס זיגמאַן, פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל; ב. גאָלד, מענעדזשער דזשאָינט באָארד פאָריערס יוניאָן, און ל. היימאַן, גענעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד.

קלאָוקמאַכער פון גרייטער ניו יאָרק!

אַלע מיטגלידער פון דער גרויסער קלאָוק און סקוירט מאַכער יוניאָן, פון די אַלע לאָקאַלס וואָס זיינען פאַראייניגט אין דזשאָינט באָארד, ווערען אויפגעפאָדערט צו וואַרפען די אַרבייט דינסטאָג ביי־טאָג, דעם 29טען יוני, און קומען אין דעם נייעם מעדיסאָן סקווער גאַרדען צו דער גרויסער דעמאָנ־סטראַציאָנס פאַרזאַמלונג, וואָס די יוניאָן האָט איינגערופען. די היסטאָרישע מאַסען פאַרזאַמלונג וועט זיך אָנפאַנגען דינסטאָג, 4 אַ זייגער בייטאָג.

שוועסטער און ברידער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן! איהר זייט יוניאָן לייט שוין ניט פון היינט. איהר האָט שוין ניט איין קאַמף דורכ־געמאַכט פאַר אייערע רעכטען אַלס אָרגאַניזירטע אַרבייטער, און איהר האָט שוין געוויזען דער וועלט, אַז קוים ווילען אייערע באַלעבאַטים זיך ניט צוהערען צו אייערע גערעכטע פאָדערונגען, ווייסט איהר ווי צו סטרייקען און קעמפען, זיי זאָלען זיך יאָ צוהערען. דאָס האָבען די קאָולקאָמכער באַוויזען אין היסטאָרישען און העלדישען קאַמף אין יאָהר 1910, און נאָך איינציגע מאָל נאָכדעם.

שוועסטער און ברידער! מיר האַלטען פאַר איבעריג אייך צו זאָגען, ווי וויכטיג עס איז, אַז קומענדען דינסטאָג ביי־טאָג זאָלט איהר וואַרפען די אַרבייט און קומען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, 48טע סט. און 8טע עוועניו, צו ווייזען אייערע באַלעבאַטים און דער וועלט בכלל, אַז איהר זייט ווידער גרייט צו קעמפען פאַר אייערע רעכטען, כדי צו פאַרבעסערען די טרויעריגע לאַגע פון די אַרבייטער אין קלאָוק טרייד אין דעם איצטיגען מאָמענט. מיר פיהלען און ווייסען, אַז איהר אַליין פאַרשטעהט אייער לאַגע אַמבעסטען. איהר אַליין ווייסט בעסער פון אַלעמען, וויפיל איהר ליידט איצט, אונטער דעם כאַאָטישען צושטאַנד אין דער פּראָדוקציע פון דעם דזשאָבער־סאַב־מאַנופעקטשורער סיסטעם, וואָס ליגט ווי אַ שווערער שטיין אויף אייערע העלזער און שלעפט אייך אַלץ טיפער אין אַפּגרונט אריין.

זאָל קיין מעמבער פון דער יוניאָן ניט פאַרפעהלען צו קומען צו דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג קומענדען דינסטאָג בייטאָג. דאָס וועט זיין אַ „רעוויו" פון אונזער אַרמיי! קומט אַלע און זאָלען די באַלעבאַטים זעהן, אַז מיר שטעהען גרייט צום קאַמף אין פולער האַרמאָניע און איינינקייט.

לאַנג זאָל לעבען די פאַראייניגטע מאַכט פון די אַרבייטער מאַסען!

לאַנג זאָל לעבען די שטאַרקע און מעכטיגע קלאָוקמאַכער יוניאָן!

אַן ערנסטער וואָרט אין צייט

פון פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן.

צו אַלע מעמבערס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן!

ברידער און שוועסטער!

דער גאַנג פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג האָט ווידער אַמאָל גע־בראַכט אונזער אָרגאַניזאַציע צום שוועל פון גרויסע פּאַסירונגען. ווידער אַמאָל געפינען מיר זיך ערב אַ גרויסען קאַמף אין אונזער אינדוסטרי, אַ קאַמף אין וועלכען עס זיינען פאַרוויקעלט די לעבענס אינטערעסען פון 40 טוי־זענד פאַמיליען און דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון אונזער גאַנצער יוניאָן.

דער אָנקומענדער גענעראַל סטרייק אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון ניו יאָרק איז אַ אומגעהייערער גרויסע אונטערנעמונג, צו וועלכער מיר מוזען זיין פאַרבערייט מיט אַלע אונזערע קרעפטען, מיט יעדער מאַטעריעלער, גייס־טיגער און מאָראַלער וואָפע, וואָס מיר קענען אויסמושטירען. די פיהרער־שאַפט פון דער יוניאָן איז פעסט איבערצייגט, אַז דיזער גענעראַל סטרייק, ווי די אַלע אַנדערע גרויסע קאַמפען וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועט זיין אַ ביטערער, שווערער קאַמף, אין וועלכען דער שונא וועט זיך באַנוצען מיט יעדען מיטעל וואָס אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַל קען נאָר באַווייזען צו קריגען כדי צוצוברעכען אונזער פראָנט און אָפּצושוואַ־כען אונזערע רייהען. עס וועט זיין אַ קאַמף ניט נאָר צו געווינען עטליכע קליינע הנחות פון די באַלעבאַטים, נאָר אַ מעכטיגער ארויסטריט אַוועקצו־שטעלען אונזער הויפט אינדוסטריע אויף אַ געזונטען באָדען! אַן ארויס־טריט אויסצואוואָרצלען די דעמאָראַליזאַציע וואָס האָט זי אַזוי צופּיצעלט און צו'הפקר'ט, און צו מאַכען די אמת'ע באַלעבאַטים פון דער אינדוסטריע, — די דזשאָבערס — ווירקליך פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַרבייטס־באַדינ־גונגען אין די שעפּער.

ברידער און שוועסטער! אונזער יוניאָן וועט דיזען שווערען קאַמף געווינען, פּונקט ווי מיר האָבען אין דער פאַרגאַנגענהייט געוואונען אַלע אַנדערע היסטאָרישע צוזאַמענשטויסען וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט, פון דעם ערשטען טאָג אָן, זינט מיר האָבען די קלאָוקמאַכער יוניאָן אַוועקגע־שטעלט אויף אַ פעסטען פונדאַמענט. אָבער צו געווינען דעם קאַמף וועט זיך געוויס פאָדערען, אַז מיר אַלע, צו וועלכע פּאָליטישע שאַטירונגען מיר זאָלען ניט באַלאַנגען, וועלכע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען, אָדער טעאָריען מיר זאָלען ניט פרעדיגען אָדער פאָרציהען, — זאָלען אין דיזען גענעראַל־סטרייק זיין באמת פאַראייניגט, מיט איין האַרץ און מיט איין נשמה! מיט איין הייסען וואונש און ווילען ווי אַמשנעלסטען און אַמבעסטען צו פאַר־זיכערען דעם ערפאָלג, און צו געווינען די לעבענס־נויטיגע פאָדערונגען, פאַר וועלכע מיר וועלען אין דיזען קאַמף ארויסטרעטען.

עס איז ניט געזונט פאַר אַ יוניאָן צו האָבען שאַרפע שפּאַלטונגען און פאַרביטערטע מיינונגס־פאַרשידענהייטען, אַפילו אין צייט פון אינדוסטריעלען פרידען. אין טעג פון קאַמף אָבער, ווען דער שונא לויערט אויף יעדען שריט און טריט און זוכט אַ וועג ווי דורכצולעכערען אונזער פעסטונג, — דאַן זיינען פּאָליטישע רייבונגען און פאַראורטיילע אַ ביטערע געפאַהר פאַר אַ יוניאָן, וואָס שטעלט אין קאָן איהר לעבען און איהר ווירקונג. אין צייט פון אַ קאַמף, דאַרף איינינקייט זיין ניט נאָר אַ שעהן וואָרט, אָדער אַ אידעאַלע שטרעבונג, נאָר עס דאַרף עהרליך און אָפענהערציג פּראַק־טיצירט ווערען אין דער טאָג־טעגליכער אַקטיוויטעט פון דער קעמפּענדער אָרגאַניזאַציאָן, אין יעדער ווענדונג און קעהר געגען דעם אַלגעמיינעם שונא.

(שלוס אויף זייט 12)

אינהאַלט פאַרצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 26

זייט 2. מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן — דזש. פיש. פאַרשידענעס.

זייט 3. צו די מעמבערס פון לאָקאַל 9 — א. זירלין. עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט פון שיקאַגאָ.

זייט 4. טרייד און אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגען.

זייט 5. זעמשענע העננשקעס (ערציהלונג) — דזשעראָם ק. דזשעראָם. פּרעזענ־טירען דעם שאָפּ טשערמאַן—אַב. קאַרלין.

זייט 6. עדיטאָריעלס.

זייט 7. צו דער געשיכטע פון דער טראַגעדיע סאַקאָ און וואַנזעטי — ל. פינקעלשטיין. יע זומער, ניט זומער (פעליעטאָן) — דער לעבעדיגער.

זייט 8. דער רעכטליכער שוץ פון די אַרבייטער אינטערעסען—דר. הערמאַן פראַנק. צאָלונגען פון אַרבייטסלאָזען אינשורענס פאָנד פאַר דעם ספּרינג סעזאָן — מאָריס קאַלטשין.

זייט 9. דער סטייטמענט פון דער יוניאָנ'ס פאָדערונגען — מ. הילקוויט. אַזאַ שעה־נער טאָג (געדיכט) — א. ראַדוצקי. ענטפערס פון רעדאַקציע.

זייט 10. אַדווערטייזמענטס און שלוסען.

זייט 11. פונ'ם אַרבייטסלאָזען אינשורענס פאָנד.

זייט 12. יוניטי הויז געעפענט מיט פּראַכט און גלאַנץ. שלוסען פון אַנדערע זייטען.

אינשורענס פאָנד פאַנגט אָן צאָלען אַרבייטסלאָזען בענעפיט דעם מאָנטאָג

דער אַרבייטסלאָזען אינשורענס פאָנד אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון ניו יאָרק פאַנגט אָן אויסצאָלען אַרבייטסלאָזען בענעפיט, קומענדיגען מאָנטאָג, דעם 28טען יוני.

דער בענעפיט וועט אויסגעצאָלט ווערען צו די קלאָוקמאַכער אין די שע־פּער. אָנפאַנגענדיג מאָנטאָג, וועט מען יעדען טאָג צאָלען אין אַ געוויסע צאָל שעפּער.

מיר דרוקען דאָ אַ ליסט פון די פירמעס, אין וועמעס שעפּער דער בענעפיט וועט געצאָלט ווערען די ערשטע וואָך, יעדען טאָג באַזונדער, און די קלאָוק־מאַכער זיינען געבעטען צו זיין אין שאָפּ דעם טאָג וואָס די טשעקס וועלען דאָרט ארויסגעגעבען ווערען צו די באַ־טרעפענדע אַרבייטער.

אָט איז דער ליסט פון די קלאָוק־שעפּער:

מאָנטאָג, 28טען דזשון

שבעלסאָן און ניסענבאָף — 142 וו. 32טע סט.

טלפערשטיין און שטערן — 48 וו. 25טע סט.

(שלוס אויף זייט 10)

סעקרעטאר באראף פיהרט צו דער חופה צוויי זיהן אין איין אווענט

מרס. און מר. אברהם באראף, פון אונזער אינטערנעשאנאל, האבען לעצטען זונטאג אווענט געפיהרט צו דער חופה צוויי זיהן, אדאלף און סאול באראף. די דאפעלטע חתונה איז פארגעקומען אין א זעהר שעהנעם האל אין הארלעם, אויף דער 115טער גאס, און עס זיינען דארט אנוועזענד געווען א פאר הונדערט מענשען פון באראפ'ס צד און פון די צדדים פון די צוויי כלות.

די דאפעלטע חתונה איז געפראוועט געווארען אויף א זעהר שעהנעם אופן. עס איז געווען א גוטער כאר און ארקעסטער, וואס האבען אמוזירט דעם עולם מיט שעהנעם זינגען און שפילען.

און נים ווייניגער האט דער עולם זיך אמוזירט ארום פיין־געדעקטע טישען, צו א שעהנעם און גרויסארטיגען באנקעט. און מען האט געגעבען עסען און טרינקען כיד המלך.

עס פארשטעהט זיך, אז דער עולם האט אויך נים פארפעלט צו כאפען א טענצעל, און ברודער באראף מיט זיין פרוי בתוכם. סעקרעטערי באראף האט געשטעלט פיסלאך, אז עס׳ איז געווען א מחיה צו קוקען. און אזוי האט זיך דער עולם פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

מיר שיקען אונזער הארציגען מזל טוב צו סעקרעטער באראף און זיין פרוי, ווי אויך צו די צוויי יונגע פאר־לעך. מיר ווינשען די מחותנים צו דער־לעבען צו טאנצען אויף די חתונות פון זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך, און זיי זאלען טאנצען מיט דערזעלבער פרישקייט און חן, ווי זיי האבען גע־טאנצט פאראכטאגען זונטאג אווענט.

לאקאל 35 רופט א ספעציעלען מעמבער מיטינג פאר דאנערשטאג אווענט

א ספעציעלער דזשענעראל מעמבער־שיפ מיטינג פון אלע קלאוק פרעסערס, וואס איז פון דער גרעסטער וויכטיג־קייט, וועט אפגעהאלטען ווערען דא־נערשטאג, דעם 17טען דזשון, 7:30 אין אווענט, אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

די פראגע צו פארהאנדלען וועט זיין: דער רעפארט און רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן און דער יו־ניאן'ס שטעלונג צו דעם, און אונזער צוגרייטונג צו דעם קאמף, אויב נויטיג, פאר אונזערע גערעכטע פאדערונגען, וואס זיינען גוטגעהייסען געווארען מיט 2 יאהר פריהער.

דער מיטינג איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. איהר מוזט אלע אומבא־דינגט קומען אין מאסען און זאגען אייער ווארט וועגען דער אויסערגעוויינליכער פראגע. איהר מוזט ברענגען אייער יו־ניאן בוך, אז נים וועט איהר נים קענען אריינקומען.

מיט ברודער גרוס,
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35.
דזש. נארעצקי, מענעדזשער.

היינט, פרייטאג, עפענט זיך די יוניטי הויז אין

(שלוס פון זייט 1)

דער לאקאוואנא ריילראוד, וואס געהט אפ פון האבאקען. די מעהרסטע מענשען וועלען פאהרען פרייטאג בייטאג מיט דער עקספרעס טריין וואס געהט אפ פון הא־באקען 2.20 „סטאנדארד טיים", דאס מיינט 3.20 ניו יארק צייט.

שבת אווענט א גרויסארטיקער קאנצערט.

שבת אווענט, דעם 19טען יוני וועט די עפענונג פון דער יוניטי הויז דארט גע־פייערט ווערען מיט א גרויסארטיגען קאנ־צערט און ליטעראַרישען אווענט. די מו־זיקאלישע פראגראם וועט דורכגעפיהרט ווערען פון די באוואוסטע סאפראנא זינ־גערין, מאדאם דארא באשאווער און דער באריהמטער קאנצערטינא שפילער, גרע־נארי מאטוסעוויטש. עס וועט אויך זיין א באריהמטער פיאניסט און נאך אנדערע.

די ליטעראַרישע אפטיילונג וועט דורכגעפיהרט ווערען פון דעם גרויסען קינסטלער פון הומאר און געלעכטער, רובין גאלדבערג.

א חוץ דעם וועט דער עולם גופא זיך באטייליגען אין כאר־געזאנג, אונטער דער פיהרערשאפט פון א מוזיקער. אויך וועלען די „ברוקוואוד פלייערס", פון דעם ברוקוואוד „לייבאר קאלעדזש", געבען אן אינטערעסאנטע דראמאטישע פארשטע־לונג, און עס וועט זיין נאך און נאך, לויט דעם מנהג פון אלא יוניטי!

אין קורצען, עס וועט זיין לעבעדיג, לוסטיג און פרעהליך! פארפעהלט נים צו זיין דארטען.

אלע ניו יארקער וואס ווילען ארויס־פאהרען דארפען זיך רעדזשיסטרירען אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע גאס, אויפ'ן דריטען פלאר.

צו די מיטגלידער פון אויסער ניו יארק.

אונזערע מיטגלידער פון פילאדעלפיא און פון שטעדט און שטעדטלאך ארום ניו יארק, וואס ווילען פאהרען אין דער יוניטי הויז, קענען זיך רעדזשיסטרירען אין אפיס פון זייער לאקאל יוניאן. דאס וועט זיי פארשפארען דעם טראבעל פון שרייבען נאך ניו יארק. געהט אריין אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן און פארשרייבט זיך, ווען איהר ווילט ארויספאהרען.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעװין, און איהר װעט מיט אלץ באקאנט װערען.

מעמבערס פון לאקאל 50, פילאדעלפיא, געזעגענען זיך מיט זייער סעקרעטאר

(שלוס פון זייט 1)

בערס, צוזאמען מיט דעם עקזעקוטיוו באארד — אלע צוזאמען ביי 60 מענ־שען, האבען ארגאנזשירט אן ארויספאהר אין א פארם, 25 מייל פון פילאדעלפיא. מיר זיינען געפאהרען מיט מאשינען. דאס פאהרען אליין האט געבראכט פאר־גענינגען צו אלע אנטייל־נעמער. מען האט געזונגען און געשטיפט. אלע הא־בען זיך פארוואנדעלט אין קינדער. ווען מיר זיינען געקומען צו דער פארם, הא־בען מיר פארבראכט עטלאכע שטונדען אויף דער פרייער נאטור ביז פארנאכט. ווען עס איז געווארען נאכט, האבען מיר גענאמען דעם באנקעט, צוגעגרייט פון דער אראנדזשמענטס קאמיטע, טאקי אויף דער פארם. נאך דעם סאפער האבען עטליכע אקטיווע טוער פון דער יוניאן געהאלטען פאסענדע רעדעס, און מען האט פרעזענטירט ברודער בלומפעלד מיט א גאלדענער ווריסט־וואטש. מען האט פארבראכט ביז 11 דעם זייגער, און מיר זיינען נאכהער, אלע פרעהליכע, געפאהרען צוריק מיט מעהר פריינד־שאפט איינער צום צווייטען; מיט מעהר איבערגעבענהייט צו דער יוניאן און מיט א שטארקען גלויבען, אז אין דער נא־הענטער צוקונפט וועלען מיר צוריק הא־בען א שטארקע יוניאן.

מיר האבען אויך עפעס געלערנט פון דיזער צוזאמענקונפט. מיר האבען גע־לערנט, אז די מעמבערס בענקען נאך אזעלכע „אוטינגס". דאס איז דאס ערשטע מאל זינט מיר האבען פארקויפט די פילאדעלפיא יוניטי הויז, אז מיר פאהרען ארויס זומער צייט.

די עקזעקוטיוו באארד האט ערוויילט א קאמיטע, וואס זאל ארגאנזשירען אזעלכע פיקניקס דורך דער צייט פון זומער. דורך די אנטוויקלונג פון די „דזשיטנים" מאכט דאס מעגליך צו מא־כען אזעלכע צוזאמענקונפטע — דאס איז א נייער סארט פיק־ניק.

די קאמיטע, צוזאמען מיט די אפי־סערס, וועלען פאראינטערעסירען די מעמבערס אין דיזע אונטערנעמונגען, ווייל מיט א קליינער סומע געלט קען מען צוזאמען פארברענגען א וויק־ענד.

דער ערשטער „אוטינג" וועט זיין שבת, דעם 27טען דזשון, אין ברינמאר קאלעדזש. זאלען זיך אלע רעדזשיסט־רירען אין אפיס פון דער יוניאן, 52 נארט 10טע סטריט, ביי שוועסטער איידא ראזענפעלד.

צום שלוס איז כדאי צו באמערקען, אז די גאנצע אויפגאבע פון בלומפעלד'ס צוזאמענקונפט איז געדעקט געווארען ביי די מעמבערס, אויסער דעם פרעזענט, וואס די באארד האט איהם אפיציעל פרעזענטירט.

מיר האבען זיך אויך געזעגענט מיט אונזער בוכקיפערין, גרייס בלומענטאל, וועלכע האט פארלאזען אונזער אפיס. די מעמבערס האבען איהר פרעזענטירט מיט א גאלדענער וואנטי קייס און א פראכט־פולען בוקעט בלומען.

ה. רייזבערג,
וויים־פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.



די יוניטי איסטעיט אין א קליינעם פארמאט

היינט, פרייטאג, דעם 18טען דזשון, עפענט זיך די

אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.

צו דער געלעגענהייט וועט דארט געגעבען ווערען

א גרויסארטיגער קאנצערט און ליטעראַרישער אווענט

אין דער מוזיקאלישער פראגראם וועלען זיך באטייליגען:

גרעגארי מאטוסעוויטש, באריהמטער קאנצערטינא־שפילער. דארא באשאוער, באוואוסטע סאפראנא, און נאך אנדערע.

רובין גאלדבערג, דער קעניג פון הומאר און געלעכטער, וועט פארלעזען און דעקלאמירען.

די „ברוקוואוד פלייערס" וועלען געבען א דראמאטישע פארשטעלונג.

עס וועלען אויך זיין פארשיידענע געימס, פארוויי־לונגען, געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען, גימ־נאסטיק און פארשיידענע טענץ.

די יוניטי הויז איז די באריהמטע זומער היים פון אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויך אויפגענומען מעמבערס פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסטרירען נעהענדיג פון דער ארבייט. טעלעפאן טשעלסי 2148

דעזיינערס ווערען גערופען צו א וויכטיגען מיטינג

שבת, דעם 19טען יוני, 2.30 נאכמי־טאג, וועט פארקומען א זעהר וויכטיגער מיטינג פון די דעזיינערס יוניאן, לאק. 45, אין פענסילווייניא האטעל, צימער 3. די עקזעקוטיוו האט זעהר וויכטיגעס צו בא־ריכטען פאר די דעזיינערס. קיינער פון די דעזיינערס, וואס וועלען לעזען דעם נאטיץ, טארען נים פארפעלען צו קומען צום מיטינג.

מיט ברידער יוניאן גרוס,
די עקזעקוטיוו באארד
לאק. 45 א. ל. ג. וו. י.

א דאנק דעם ביזנעס איי־דזשענט פון דער יוניאן.

מיר, די ארבייטער פון שניידוויים'ס שאפ, 136 וועסט 21טע סטריט, דאנקען בר. מילער, אונזער ביזנעס איידזשענט, פאר דער גוטער ארבייט וואס ער האט אויפגעטאן פאר אונזער שאפ, און מיר ווינשען איהם ערפאלג אין זיין ווייטער־דיגער ארבייט.

ה. גריידער, שאפ טשערליידי.
אלען גראמבער, סאול קרעל,
די קאמיטע.

צו די מעמבערס פון לאקאל 9!

פון א. זירלין, מענעדזשער.

ווען איך שרייב דיזען רוף צו אלע מעמבערס פון לאקאל האט שוין די דזשאינט באארד און די באארד אוו דירעקטארס פון דער יוניאן געהאנדעלט וועגען דעם רעפארט פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן. די לאקאלס האבען ביי גוט־באזוכטע מיטינגען שוין אויך פארהאנדעלט דעם רעפארט, די טשערליים האבען שוין נעזאגט זייער ווארט וועגען דעם און אונזער לאקאל, ביי א גוט־באזוכטען מיטינג, האט אין קלארע ווערטער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז מיר זיינען אומצופרידען וואס די קאמישאן האט נאך צוויי יאהר שטודירען ארויסגעגעבען אזא אנטשיידונג.

ביים אויסארבייטען פון די פאדערונגען מיט צוויי יאהר צוריק זיינען מיר געווען מיט דער מיינונג, אז נאר דורך א קאמף וועלען מיר קריגען דאס וואס מיר פאדערען פון די באלעבאטים — די מענליכקייט צו מאכען א בעסערען לעבען. האט זיך אבער דעמאלט אריינגעמישט די קאמישאן. זיי האבען שטודירט, מען האט זיי געבראכט באווייזע וואס פאר א קלאגעדיגען לעבען אונזערע ארבייטער האבען געמאכט בעפאר מיר האבען פארמולירט דיזע פאדערונגען. זיי האבען געהאט א געלעגענהייט פאר צוויי יאהר צייט צו זעהן וואס פאר א לעבען דער ארבייטער מאכט, זיי האבען זאגאר אליין אין רעפארט פון די אויספארשונגען וועגען דער אינדוסטריע באשטעטיגט דאס וואס מיר האבען גע'טענה'עט. און צו וואס פאר א שלום זיינען זיי געקומען?

אויף אן אונבאשטימטען וועג ווילען זיי באגרעניצען די צאל פון קאנטראקטארס וואס דער דזשאבער וועט קענען באשעפטיגען און דאס אויך אהן א שום גאראנטיע, אז די ארבייטער אין די קאנטראקטינג שעפער וועלען קאנען מאכען א לעבען, און אין דער זעלבער צייט האט זי באוויליגט די באלעבאטים דאס, וואס זיי האט זיך קיינמאל ניט געחלום'ט. מיר האבען אין 1916 פעסטגעשטעלט, אז מיר וועלען קיינמאל ניט ערלויבען אז א באס זאל אוועקשיקען אן ארבייטער אהן גענוגענדע אורזאכען, און יעצט קומט די קאמישאן און גיט זיי דאס רעכט פון ארונטערשיקען 10 פראצענט פון די בעלי מלאכות.

די קאמישאן האט בלויז פארצוינגען דעם קאמף. אנשטאט טאן דאס וואס מיר האבען באדארפט טאן אין 1924 וועלען מיר מוזען טאן אין 1926. זאל יעדער מיטגליד נעמען אין אכט, אז אין דיזען קאמף וועלען מיר באפעסטיגען די יוניאן, אזוי ווי מיר האבען דאס געטאן אין 1910. לאמיר זיך מיט דער זעלבער אפפערוויליגקייט אריינווארפען אין קאמף. לאמיר אפסטאפען יעדען נעסט, יעדע בעד־רום, יעדע סטארקע וואו עס ווערט געמאכט קלאוקס און מיר וועלען נאר דעמאלט געהן צוריק אין די שעפער, ווען מיר וועלען זיין זיכער, אז מיר קענען מאכען א לעבען און אז די באלעבאטים וועלען אונז ניט קענען אויסנוצען, אז איינער זאל קאנקורירען געגען דעם אנדערען, אז מיר זאלען ניט זיין געצוואונגען צו ארבייטען אין בעד־רום שעפער און אז מיר, וואס שאפען דעם גרויסען אייגענטום אין דער קלאוק אינדוסטריע זאלען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

די דזשאינט באארד האט פארדופען א מיטינג אין מעדיסאן סקוועיר גארדען פאר דינסטאג, דעם 29טען דזשון, 4 אזייגער בייטאג. זאל קיין פינישער ניט פארפעלען צו זיין אין מעדיסאן סקוועיר גארדען. עס איז ניט גענוג אז איהר אליין זאלט קומען. ברענגט מיט יעדען ארבייטער פון שאפ. אלע צוזאמען ווארפט די ארבייט 4 אזייגער און קומט אין מעדיסאן סקוועיר גארדען. לאמיר מיט אונזער ערשטען ארויסטריט ווייזען די באסעס, אז מיר, די קלאוקמאכער, זיינען גרייט צו קעמפען פאר מענשליכע באדינגונגען און פאר א געלעגענהייט צו מאכען א לעבען. זאל דיזע דעמאנסטראציע איבערשטייגען יעדע דעמאנסטראציע וואס מיר האבען ווען בייגעוואוינט. זאל יעדער מעמבער זיך אפרופען אויף דעם אלגעמיינעם רוף פון דער יוניאן, און פאראייניגט וועלען מיר אויסקעמפען מענשליכע באדינגונגען און די געלעגענהייט צו ארבייטען און מאכען א לעבען.

* * *

דער אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד אנאנסירט, אז מאנטאג, דעם 28טען דזשון, וועלען זיי אנפאנגען די צאהלונגען פון ארבייטסלאזען אינשורענס. די צאהלונגען וועלען געמאכט ווערען אין די שעפער. די יעניגע וואס האבען אין גאנצען ניט געארבייט דעם סעזאן האבען זיך אין פארלויף פון סעזאן גענדארפט רעדזשיסטרירען. דאס האבען מיר שוין בעפאר אנאנסירט. די יעניגע וועמענס באסעס זיינען ארויס פון ביזנעס וועט מען אינפארמירען אהיים, אז זיי זאלען קומען נאכ'ן טשעק וואס עס קומט זיי. מיר ראטען די ארבייטער פון די שעפער וועמענס באסעס זיינען ארויס פון ביזנעס פריהער אויסצוגעפינען צי דער באס האט אריינגעשיקט די אינשורענס, סיי זיין חולק, און אויך דאס וואס ער האט פון זייערע וועידזשעס ארונטערגענומען. דער געזעץ פון אינשורענס פאנד לויטעט, אז ווען א באס האט ניט אריינגעגעבען די אינשורענס וועלען די ארבייטער ניט קענען קריגען דאס וואס עס קומט זיי.

* * *

מיר ציהען ווידער די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע מעמבערס צום באשלוס אז דער וואס אטענדעט ניט די סעקשאן מיטינגען אם וויינינגסטענס צוויי מאל אין פארלויף פון 6 מאנאטען, ווערט שטראפירט מיט א דאלאר. ביים בייטען פון ביכעל וועט דיזער געזעץ דורכגעפיהרט ווערען. די יוניאן איז ניט אויסען דעם דאלאר. קומט צו די סעקשאן מיטינגען, באטייליגט זיך אין דער ארבייט פון לאקאל און אין דער אלגעמיינער יוניאן.

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

די ארבייטערס עדיוקיישאנאל ארט סקאלערשיפ

מיט א קורצער צייט צוריק זיינען אין ארט־סקול פון דער עדיוקיישאנאל עלייענס זיך צונויפגעקומען א צאל מענער און פרויען, אלט און יונג, עלטערען און קינדער. צוויי געשעהענישען האבען זיי צונויפגעבראכט צוזאמען: ערשטענס, די יעהרליכע אויסשטעלונג פון דער ארט־סקול און צווייטענס, די צוויי בעסטע שילער פון דער סקול זיינען באשאנקען געווארען מיט סקאלערשיפ פאר רייזע און שטודירען. יעדע סקאלערשיפ, וואס באטרעפט 1500 דאלאר, ווערט געגעבען צו דעם שילער, אום ער זאל קענען פאהרען אין אייראפא און דארט שטודירען. איין סקאלערשיפ איז באזארגט געווארען פון די טראסטים און זייערע פריינד פון דעם עדיוקיישאנאל עלייענס; און די צווייטע — פון די וואירקערס ארט קאמיטע.

די הערען ראבערט אטקינס, א לעהרער און סקולפטאר אין דער נעשאנאל אקאדעמי אף דעזיין, וויליאם אורבאך ליוויי, א לעהרער אין עטשינג פון דער נעשאנאל אקאדעמי אף דעזיין, און דזשעראם מייערס, א מאלער, — אלע באדייטענדע ארטיסטען פון אומצווייפעלהאפטען שטאנד, האבען איינגעוויליגט צו זיין די ספעשעל קאמיטע אויף אויסצוקליבען די צוויי בעסטע ארטיסטען פון צווישען די שילער פון דער סקול פון דער עדיוקיישאנאל עלייענס.

נאכדעם ווי די קאמיטע האט געשטודירט די ארבייטען פון די שילער פאר די לעצטע דריי יאהר, האט זי אויסגעקליבען מיס דינה מעליקאוו, א פיל־פארשפרעכענדע סקולפטערס, און מר. מאזעס סאיער, א טאלאנטירטער מאלער, אלס די שילער, וועלכע ווייזען ארויס די גרעסטע פעהיגקייטען.

דאס איז פארגעקומען דעם 22טען אפריל, בעת דער יעהרליכער אויסשטעלונג פון דער ארט־סקול. עס זיינען ביי דער צערעמאניע אנוועזענד געווען מיטגלידער פון דער באארד אף טראסטים פון עדיוקיישאנאל עלייענס, פארשטעהער פון דער ארבייטער־באוועגונג, פארשטעהער פון דער פרעסע, שילער פון דער שולע און זייערע קרובים און פריינט. אברהם שיפליאקאף און פעני קאהן האבען גערעדט פאר דער וואירקערס ארט קאמיטע.

די וואירקערס ארט סקאלערשיפ קאמיטע איז געגרינדעט געווארען אן ערך מיט א יאהר צוריק. די פאלגענדע ארגאניזאציעס האבען בייגעשטייערט צום 1500 דאלאר פאנד: די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, די אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואירקערס, קעפ־מייקערס יוניאן, היברו עקטארס יוניאן, פענסי לעדער גודס וואירקערס, ארבייטער רינג, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, דער „פארווערטס", היברו אמעריקאן טייפאגראפיקאל יוניאן, לאקאל 83, און דער ברץ־פאראיין.

די פאלגענדע שטעלען צוזאמען די עקזעקוטיוו באארד: אבע אסטראווסקי — דירעקטאר, פיליפ נעליבטער — סעקרעטאר; די איבעריגע מיטגלידער זיינען: אברהם בעראף, סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער א. ל. ג. וו. י., דזש. שלאסבערג, סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואירקערס; דזשיי. באסקין, סעקרעטאר פון ארבייטער רינג; מאקס פיין, פון „פארווערטס", און פעני מ. קאהן.

דיזע פאסירונג האט געצויגען פיל אויפמערקזאמקייט סיי פון דער פרעסע און סיי פון בארימטע מענער און פרויען פון דער קינסטלערישער וועלט. ספעציעל זיינען אלע געווען צופרידען, וואס מר. אסטראווסקי'ס וואונש איז פארווירקליכט געווארען. שוין פון יאהרען, אז מר. אסטראווסקי האט זיך ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק, אז די ארבייטער־באוועגונג זאל עטאבלירען אזא סקאלערשיפ.

די שילער וועלען אין קורצען אפפאהרען נאך אייראפא און וועלען מיטפיהרען מיט זיך רעקאמענדאציאנס־בריף צו די ארבייטער־פיהרער פון יענער זייט ים.

דאס איז א נייע אנטוויקלונג אין דער באוועגונג פון בילדונג פאר ארבייטער. די ארבייטער האבען אין זינען דורך די פיל־פאכיגע אקטיוויטעטען פון די טרייד־יוניאנס ניט בלויז די פראבלעמען פון זייער איינענער גרופע און אינדוסטריעס, נאר אויך די פראבלעמען פון דער געזעלשאפט אין אלגעמיין.

פאר מיליאנען ארבייטער איז זייער יוניאן ניט בלויז די ארגאניזאציע, וואס באשיצט זיי אויפ'ן עקאנאמישען געביט, נאר אויך די ארגאניזאציע, וואס גיט זיי די מעגליכקייט צו אנטוויקלען זייער כאראקטער און פערזענליכקייט. די טרייד־יוניאן־באוועגונג האט איצט דערגרייכט צו אזא מדרגה, וואו דער מיטגליד פארלאנגט, אז זיין יוניאן זאל אנטוויקלען נייע אקטיוויטעטען, וועלכע זאלען אויך אינטערעסירען זייגע קינדער.

זונטאג, דעם 27טען יוני — א „האיק" נאך „אלד פערי פאינט"

זונטאג, 27טען יוני, 9.30 פריה, א הייק צו „אלד פערי פאינט", יוניאן פארק, וועסטשעסטער קאונטי, אראנזשירט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל. נעהמט די איסט סייד סאבוויי ביז 125טע סטריט. דארט נעהמט 177טע סטריט טריין. זעהט אז איהר זאלט אהין אנקומען 9.30 אין דער פריה. מיסס דזשעראלדין סאלצבערג און א קאמיטע פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט דארט ווארטען פאר אייך.

נעהמט מיט גענוג עסען און א פאר פעטייטאס צו באקען. אויב איהר שפילט אויף אן אינסטרומענט נעהמט עס מיט. ווי אימער וועט מען דארט פארברענגען די צייט אין געזאנג, פארלעזען און פיזישע איבונג און אין שפילען פארשידענע גיימס. קומט אין צייט.

פיהרער פון א. פ. אוו ל. אין אילינאי סטייט פארלאנגען גאווערנאר זאל באפרייען דרעס סטרייקער

פרעזידענט זיגמאן האט עס באזארגט ווען ער איז געווען אין שיקאגא מיט צוויי וואכען צוריק. — גאווערנאר סמאל פרעגט ביים אטוירני דזשענעראל צי ער האט א געזעצליכע רעכט דאס צו טאן. — אונזער אינטערנעשאנאל שיקט א באגריסונג־טעלעגראמע צו די ארעסטירטע אין פריזאן.

ווי מיר האבען שוין פריהער געמעלדעט, האט אונזער אינטערנעשאנאל געטאן אלץ וואס מען האט געקאנט, צו באקומען אן אפיל געגען דעם גרויזאמען האלסייל־אורטייל געגען די פיקעטס פון געוועזענעם דרעסמאכער סטרייק אין שיקאגא. עס האט אבער ניט געהאלפען קיין אנשטרענגונג, און ווי מיר האבען שוין באקאנט געמאכט לעצטע וואך, האבען די פאראורטיילטע געמוזט געהן אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין.

אחוץ דעם פריזאן טערמין וואס דער יוניאן־פיינדליכער דזשאדזש סאליוואן האט צוגעטיילט יעדען פון די אנגעקלאגטע, פאר דעם „פארברעכען" פון פיקעטען, האט ער אויך ארויפגעלייגט אויף זיי א געלט־שטראף, און ער איז אויך אין דעם ניט קארג געווען. מאנכע פון זיי האט ער באשטראפט צו געהן אין פריזאן און נאך באצאהלען דריי הונדערט און פופציג דאלאר שטראף. עס פארשטעהט זיך, אז די געלט שטראף, וואס באטרעפט פאר אלע פאראורטיילטע ארום 17 טויזענד דאלער, וועט באצאהלען אונזער אינטערנעשאנעל. די יוניאן קאן נישט געהן אין פריזאן אפזיצען פאר זיי דעם טערמין, אבער די געלד־שטראף וועט די יוניאן באצאהלען.

אלזא, ווען מען האט געזעהן, אז ס'איז ניטא קיין אויסוועג און אונזערע שוועסטער און ברידער פון שיקאגא וועלען מוזען געהן זיצען, האט פרעזידענט זיגמאן, זייענדיג אין שיקאגא, אנגעפאנגען א באוועגונג, זיך צו ווענדען צום גאווערנאר פון יענעם שטאט ער זאל זיי באפרייען. דאס איז געטאן געווארען דורך די בעאמטע פון דער אמעריקאן פעדערייש‍אן אוו לייבאר אין אילינאיז סטייט. פריהער האט מען וועגען דעם ניט געקאנט ריידען, איצט מעג מען עס שוין באקאנט מאכען.

לעצטע וואך האבען די בעאמטע פון די אילינאיז און די שיקאגא פעדערייש‍אן אוו לייבאר זיך געווענדעט צו גאווערנאר סמאל ער זאל באפרייען די 42 פרויען וועלכע דזשאדזש סאליוואן האט פארשיקט אין קאונטי דזשייל.

דזשאהן וואקער און וויקטאר אלענדער, פרעזידענט און סעקרעטער פון די אילינאיז סטייט פעדערייש‍אן אוו לייבאר, דזשאהן פיטצפעטריק, עדווארד נאקעלס, פרעזידענט און סעקרעטער פון די שיקאגא פעדערייש‍אן אוו לייבאר, אגנעס נעסטאר, פון די וויטענס טרייד יוניאן ליג, מערי מעקדאנאל פון מעיאר דעווערס פאבליק וועלפעיר דעפארטמענט, האבען זיך געזעהן מיט גאווערנאר סמאל, אטארני דזשענעראל קארלסטראם און דזשאדזש דזשענקינס פון די פארדאן באארד און האבען אפעלירט זיי זאלען באפרייען די דרעס מאכער וועלכע זיצען אין קאונטי דזשייל פאר איבערטרעטען דזשאדזש סאליוואנס אינדזשאנקשאן געגען פיקעטען אין צייט פון דעם דרעס מאכער סטרייק אין 1924.

זיי האבען אפעלירט אויף דעם גרונד אז ערשטענס, האבען די סטרייקערס געהאט א קאנסטיטוציאנעלע רעכט צו פיקעטען און אז דזשאדזש סאליוואנס אינדזשאנקשאן איז געגען דער קאנסטיטוציאן פון סטייט, און צווייטענס זיינען פילע פון די וואס זיינען אין דזשייל מוטערס פון קינדער און זייערע היימען זיינען צובראכען געווארען מיט דעם וואס מען האלט זיי אין דזשייל.

דער גאווערנאר האט געבעטען אטארני דזשענעראל קארלסטראם ער זאל איהם צושטעלען א לעגאלע מיינונג וועגען דעם. מען ערווארטעט א שנעלען ענטפער פון גאווערנאר.

די פעטיציע צום גאווערנאר איז פאר פאלגענדע דרעסמאכער:

מיסס לארענס קאהן, 30 טעג; מרס. מעי באנסינסקי, 10 טעג, (האט א מאן און דריי קינדער); מיסס מאריאן בראסטיק, 10 טעג; מיסס אנא בערענבוים, 10 טעג און 250 דאלער שטראף; מיסס ווינלאווסקא, 10 טעג; מיסס פרידא רייכער, 30 טעג און 200 דאל. שטראף; מיסס עוועלין דארנפעלד, 10 טעג און 350 דאלאר שטראף; מרס. ראוז גודמאן, וועלכע האט דריי קינדער אויסצוהאלטען, 10 טעג און 125 דאל. שטראף; יעטא הארנשטיין, האט אן אלטע מוטער אויסצוהאלטען, 20 טעג און 350 דאלאר שטראף; מרס. קעי קאפא, 20 טעג; מירר דזשעני מילער, 20 טעג און 350 דאל. שטראף; מיסס לינא מאוויטץ, 20 טעג און 200 דאלער שטראף; מיסס ראוז סילווער, 10 טעג און 350 דאלאר שטראף; מיסס אסתר ריסמאן, 10 טעג און 350 דאלאר שטראף; מיסס דזשעני כאנין, 10 טעג און 350 דאלאר שטראף; מיסס איוווא דזשייקאבס, 10 טעג אין דזשייל; אסקאר סיימאן, 30 טעג און 350 דאלאר שטראף.

צוויי דרעסמאכער סטרייקערס שוין ארוים פון דזשייל

שוועסטער ליליען גרינבערג איז שוין ארוים פון קאונטי דזשייל, וואו זי איז געזעסען 10 טעג פאר איבערטרעטען דזשאדזש סאליוואן'ס אינדזשאנקשאן.

א גרויסע גרופע דרעסמאכער און קלאוקמאכער האבען איהר מקבל פנים געווען מיט טשירס און בלומען. שוועסטער גרינבערג האט געמאכט פארבערייטונגען אפצופאהרען נאך ברין מאור קאלעדזש, וואו זי שטודירט עקאנאמישע און אנדערע פראבלעמען.

אין דער זעלבער צייט מיט איהר איז ארוים פון דזשייל מיני סיירעל, וועלכע

(שלוס אויף זייט 12)

אויף ווען ווארט איהר?

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז שוין אפען. לויפט גלייך אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט, 16טע סטריט, און שרייבט זיך איין אויף ארויספאהרען אין אייער פראכטפולער זומער היים, די יוניטי הויז. ווארט נישט אויף שפעטער. טוט עס באלד.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

א ספעציעל מיטינג פונ׳ם דזשאינט באארד, פון די לאקאלס 2, 3, 9, 10, 21, 22, 23, 35, 45, 48, 64, 82 און 89 איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך, דעם 16טען דזשון, 1926 אין 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פראטאקאל פונ׳ם דזשאינט באארד פונ׳ם 11טען דזשון ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער באריכט פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 16טען דזשון ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

קאמיטעס:

שוועסטער פאניא קאהן און מיס פרעסטער, פארשטעהער פון דער „ווימענס קאמיטע" וועלכע העלפט די סטרייקענדע ענגלישע מיינערס און זייערע פרויען און קינדער, שילדערען פאר די דעלעגאטען די שרעקליכע לאגע אין וועלכע די סטרייקער געפינען זיך. זיי אפעלירען פאר שטיצע מיט וועלכע צו העלפען די נויטבאדערפטיגע.

עס ווערט באשלאסען זיי צו געבען מאראלישע און פינאנציעלע שטיצע און די דעטאלען זאלען אויסגעארבייט ווערען פון די באארד אוו דירעקטארס.

צושריפטען:

לאקאל 22 הייסט גוט די באריכטען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 24טען און 26טען מאי און דעם 1טען דזשון, און דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פונ׳ם 1טען דזשון.

לאקאל 35 הייסט גוט דעם פראטאקאל פונ׳ם דזשאינט באארד פון דעם 1טען דזשון און די באריכטען פון די באארד אוו דירעקטארס פונ׳ם 24טען און 26טען מאי און דעם 1טען דזשון.

לאקאל 45 פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל שיקען א פארטרעטער צו אדרעסירען זייער מאססמיטינג: שבת, דעם 19טען דזשון אין דעם פענסילווייניא האטעל.

ברודער קורינעצקי ווערט אפוינטעט צו אדרעסירען דעם מיטינג.

לאקאל 89 הייסט גוט די באריכטען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 24טען און 26טען מאי און דעם 1טען דזשון און די פראטאקאלען פונ׳ם דזשאינט באארד פון דעם 1טען און 11טען דזשון. זייער עקזעקוטיוו באארד האט גוטגעהייסען די פאדערונגען פון לאקאלס 2 און 45 און האפט אז דער דזשאינט באארד וועט זיין ערפאלגרייך אין קריגען די אידעאלע באדינגונגען.

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 89 הייסט אויך גוט דעם פראטעסט וועלכער איז געשיקט געווארען צו דער א. פ. אוו ל. בנוגע דעם אדווערטייזמענט פון די „באטאני מילס" וועלכע איז ערשינען אין דער „פעררעיישאגיסט".

די קערפערשאפט איז אויך מיט דער מיינונג אז די שטעלונג פון דער מאיאריטעט אין דעפיטען ברודער פינקאווסקי אלס וויים-טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע באווייזט זעהר קלאר אז די איצטיגע פיהרער פונ׳ם דזשאינט באארד ווילען נים נעבען די מינאריטעט פארטרעטערשאפט אויף דער וויכטיגער קאמיטע, וועלכע מוז, כדי צו ארבייטען אין א ווירקזאמען וועג, האבען די קאאפעראציע פון אלע.

דזשענעראל מענעדזשער׳ס באריכט:

ברודער היימאן באריכטעט וועגען די פאדערונגען וואס זיינען פארגעלעגט געווארען פון אונזער לאיער, מר. הילקוויט, ביי דער קאנפערענץ וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 25טען דזשון, 1926 צווישען דער יוניאן און די „אינדאסטריעל קאונסיל"*).

ברודער היימאן באריכטעט ווייטער, אז די מאנופעקטשורערס האבען זיך אנטזאגט צו קאנפערירען מיט דער יוניאן סיידען אונזער ארגאניזאציע וועט אננעמען דעם רעפארט פון דער גאווערנאר׳ס קאמישאן אלס א באזיס צו פארהאנדלונגען.

פרעזידענט זיגמאן איז אנוועזענד ביים מיטינג און באריכטעט אויך וועגען דער קאנפערענץ. ער איז געווען איינער פון די טשערלייטע ביי דער קאנפערענץ. ער האט אינפארמירט די מאנופעקטשורערס, אז די יוניאן איז גרייט פארטצוזעצען פארהאנדלונגען, אבער די „אינדאסטריעל קאונסיל" וועט דארפען רופען דעם נעקסטען קאנפערענץ וואו אונזערע פאדערונגען וועלען פארהאנדעלט ווערען.

ברודער היימאן באריכטעט ווייטער, אז מעדיסאן סקווער גארדען איז גענומען געווארען פאר א מאס מיטינג, וואס וועט שטאטפינדען דינסטאג, דעם 29טען יוני.

ברודער היימאנ׳ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט
דזשון 16, 1926.

קאמיטעס:

בענדזשאמין טאפטשיק, לאקאל 123, און ס. פערלמאן, לאקאל 35, פארלאנגען, אז דער דזשאינט באארד זאל אונטערזוכען א יוניאן שאפ אויף היילאנד עוועניו, פאסייק, נ. דזש., וועמענס אייגענטימער הייסט מר. גאלדבערג. זיי ערקלערען, אז דער מר. גאלדבערג האט א שאפ אין ניו יארק אויך.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צום אפיס.

אלעקס קאנטאר, לאקאל 22, ערשיינט פאר די ארבייטער פון „לאוו און דייוויס", 253 וועסט 35טע סטריט, וועלכע זיינען אין סטרייק שוין דריי וואכען צייט. ער פארלאנגט, אז דער אפיס זאל זיי צאהלען סטרייק בענעפיט.

ברודער זימערמאן ערקלערט, אז די פירמע האט געשיקט ארבייט צו א ניט-יוניאן שאפ און האט דערפאר באצאהלט 300 דאלאר אלס „ליקווידייטעט דעמעדזשעס". די פירמע וויל איצט ווערען א דזשאבער.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צום אפיס.

אנטאניא קאלורע, 48—2228 און קאנדעלאזי נייער, 48—1131, א קאמיטע פון א צאהל מעמבערס פון לאקאל 48, וועלכע זיינען געווען שולדיג 9 מאנאטען דיוס ווען דער אינערליכער סטרייט אין דער יוניאן איז געשליכטעט געווארען. זיי ערקלערען, אז דער לאקאל האט זיך אנטזאגט אנצונעמען זייערע דיוס, אבער דער דזשאינט באארד׳ס קלערקס זיינען אינסטרואירט געווארען פון דזשענעראל מענעדזשער היימאן און האבען דאס אנגענומען. דער לאקאל האט זיי איצט אינפארמירט, אז זיי זיינען עקספעלד געווארען פונ׳ם לאקאל.

ברודער היימאן ערקלערט, אז ער וועט אויפנעמען די פראגע מיט דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

די קייס ווערט דעריבער אפגעלעגט.

מענעדזשער׳ס באריכטען

ברודער זימערמאן, מענעדזשער פון דעם דרעס דעפארטמענט, באריכטעט, אז די פירמע „ליאן ד. זייעץ", 252 וועסט 37טע סטריט, האט באהויפטעט, אז עס איז ניטא גענוג פלאץ אין דער פעקטארי אנצופיהרען זיין ביזנעס. ער פארלאנגט ערלויבניש צו סיינען א דזשאבערס אגרימענט און פארשפרעכט אונטערצושרייבען אן אגרימענט צו זיין פאראנטווארטליך פאר זיינע ארבייטער.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צום אפיס.

ער באריכטעט אויך, אז די פירמע „קאלמאן און עהרענרייך", 251 וועסט 38טע סטריט, איז געפיינט געווארען מיט 200 דאלאר פאר פארלעצען דעם אגרימענט. דער שאפ איז ערקלערט געווארען אף סטרייק און די פירמע וויל איצט סיינען א דזשאבערס אגרימענט.

די באארד אוו דירעקטארס באשליסט פארטצוזעצען דעם סטרייק.

ברודער קאפלאן, מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דעפארטמענט, גיט אפ א באריכט פאר זיין אפיס פון דעם 5טען מאי ביז היינט.

אין משך פון דער צייט האט זיין אפיס אונטערזוכט 170 פראטעקטיוו קייסעס, איינשליסענדיג 25 דיסטשארדזש קייסעס. 19 זיינען געשליכטעט געווארען צו גונסטען דער יוניאן און 6 זיינען צוריקגעצויגען געווארען.

דער טייל פון זיין אפיס האט אויך קאלעקטעט 2,205.22 דאלאר אלס בעק פעי.

ברודער קאפלאן באריכטעט אויך, אז דער אמעריקאן און אינדעפענדענט אפטיילונג האט אונטערזוכט און געשליכטעט 465 קייסעס, איינשליסענדיג 16 דיסטשארדזש קייסעס. 12 זיינען געשליכטעט געווארען צו גונסטען דער יוניאן.

די פירמעס דארפמאן און מילער, 501 7טע עוועניו, און פרענק פלאצער, 252 וו. 37טע סטריט, האבען געשיקט ארבייט צו ניט-יוניאן שעפער. אין יעדען פאל איז דער שאפ אפגעסטאפט געווארען פאר א טאג און די פירמעס האבען באצאהלט פיינס. די ארבייטער זיינען דאן צוריקגעשיקט געווארען צו דער ארבייט.

די פירמע „ס. ווינשאק", 252 וועסט 38טע סטריט, האט דיסטשארדזשט פרעסער גאלד. דער אפיס האט פארלאנגט, אז ער זאל ריאינסטייטעט ווערען, אבער די פירמע האט זיך פון דעם אנטזאגט. נאך א סטאפעדזש פון א וואך איז דער ברודער צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

פינישער לעפקאוויץ איז געווען אוועק פונ׳ם שאפ „מילער און מאנדעל", 213 וו. 35טע סטריט, אין דער צייט פונ׳ם סיזאן צוליב דעם וואס ער איז געווען קראנק. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט איהם די פירמע אנטזאגט צוריק צו באשעפטיגען. די קייס איז איבערגעגעבען געווארען צום אומפארטייאישען טשערמאן, וועלכער האט באשלאסען, אז דער ברודער זאל ריאינסטייטעט ווערען. די פירמע האט זיך פון דעם אנטזאגט און נאכדעם ווי דער שאפ איז אפגעסטאפט געווארען, איז פינישער לעפקאוויץ ריאינסטייטעט געווארען.

די פירמע „ס. קליין" האט זיך גענומען שלאגען מיט איינעם פון די פרעסערס. די פירמע האט זיך אנטזאגט צו באצאהלען 100 דאלאר פיין און דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק.

די פירמעס „סטראכמאן און ארמעל", 48 וועסט 35טע סטריט, און „ראזענטאל, לאעב און האך", 265 וועסט 37טע סט., האבען געשיקט ארבייט צו ניט-יוניאן שעפער. אין ביידע פעלע האבען די פירמעס באצאהלט א פיין.

די פירמע „באום און קאץ", 525 — 7טע עוועניו, האט געשיקט ארבייט צו ניט-יוניאן שעפער און האט אויך באשעפטיגט די ארבייטער אומגעזעצליכע שטונדען. ביידע קאמפליינטס זיינען אונטערזוכט געווארען און געפונען געווארען צו זיין ריכטיג. די פירמע האט באצאהלט 300 דאלאר אלס בעק פעי און איז גערופען געווארען פאר דער באארד אוו גאווערנארס פון דעם „אינדאסטריעל קאונסיל" פאר פארלעצען דעם אגרימענט.

ברודער קאפלאן באריכטעט אויך, אז די אפטיילונג פון זיין אפיס האט קאלעקטעט 2,844.04 דאלאר אלס בעק פעי און „ליקווידייטעט דעמעדזשעס".

ברודער קאפלאנ׳ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

סעקרעטאר טרעזשורער פיש באריכטעט, אז מאריס ראטענבערג, דער לאיער פאר די דרעסמאכער סיוויל קייסעס, וועט פון איצט אן אויך אטענדען צו די סיוויל קייסעס און אינדזשאנקשאנס פון די קלאוקמאכער.

ברודער פיש׳ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

די באארד אוו דירעקטארס נעמט דאן אויף די פראגע פון די צוזאמענשטעלונג פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, וועלכע איז איהר איבערגעגעבען געווארען פון דעם דזשאינט באארד, און באשליסט, אז די עקזעקוטיוו קאמיטע זאל באשטעהן פון: הויפט באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל און דזשאינט באארד, לאקאלע מענעדזשערס, טשערלייטע פון די פארשידענע קאמיטעס און 1 מעמבער פון יעדען לאקאל.

די באארד אוו דירעקטארס באשליסט אויך, אין צוזאמענהאנג מיט דער קאמיטע, אז דער ראל קאל אפשטימונג זאל גענומען ווערען פון 3 באזונדערע לאקאלען און אז די שטימען זאלען געצעהלט ווערען לויט די פארטרעטערשאפט אינ׳ם דזשאינט באארד.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

דזשאזעף פיש,
סעק.-טרעזש.

*) דער גאנצער סטייטמענט, וואס גענאסע הילקוויט האט פארגעלייענט אין נאמען פון דער יוניאן, איינשליסענדיג אלע פאדערונגען, וואס די יוניאן שטעלט ארויס צו די באלעבאטים, וועלען די לעזער געפינען אויף א צווייטען ארט אין היינטיגען נומער „גערעכטיגקייט". — רעדאקציע.

פרעזידענט זיגמאן אויפן 20-יאהריגען יובילעי פון דער פרעסערס יוניאן לאקאל 12

פאראכטאגען זונטאג, דעם 20טען יוני, האט די קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן פון באסטאן, לאקאל 12, אויף א זעהר שעהנעם אופן געפייערט דעם 20 יעהריגען יובילעי. דער יום טוב איז געפייערט געווארען דורך א שעהנעם באנקעט און טאנץ. אויף דער שמחה זיינען אנוועזענד געווען איבער פיר הונדערט מיטגלידער און זייערע פאמיליען, און אויך געסט פון אנדערע לאקאלס און פון דער ארבייטער באוועגונג בכלל.

דער הויפט גאסט פון אווענט איז געווען פרעזידענט זיגמאן, וועלכער איז ספעציעל געקומען פון ניו יארק אנטייל צו נעמען אין דער שמחה.

איידער דער באנקעט האט זיך אנגעפאנגען, האט פרעזידענט זיגמאן אינסטאלירט די ניי-ערוועהלטע באאמטע פון לאקאל 12. וויים-פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, אינטערנעשאנאל ארגאנייזער, האט ביי דער געלעגענהייט געהאלטען א רעדע.

דער צוזאמענקונפט איז געווען איינער פון די שעהנסטע, וואס די אידישע ארבייטער באוועגונג פון באסטאן האט ווען עס איז געזעהן.

די רעדנער אויפ׳ן באנקעט זיינען געווען: פרעזידענט זיגמאן, וויים-פרעזידענט האכמאן, דזשארדזש מ. ראוער און דזש. ביראק, די לאיערס פאר׳ן דזשאינט באארד פון באסטאן, לעאן ארקין פון דעם באסטאנער „פארווערטס" און אייניגע באאמטע פון דעם דזשאינט באארד און פון די לאקאלס.

פרעזידענט זיגמאן און וויים-פרעזידענט האכמאן האבען זונטאג ביי טאג אין באסטאן אדרעסירט א מעמאריאל מיטינג נאך מאיר לאנדאן.

לאקאל 82, עקזאמינערס אויפמערקזאם!

א מעמבער מיטינג וואס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר אייך, וועט אפגעהאלטען ווערען מאנטאג, 28טען יוני, אין 231 איסט 14טע סטריט, 6:30 אווענט.

אלע עקזאמינערס מוזען קומען צו דעם מיטינג, ווייל עס וועלען פארהאנדעלט ווערען וויכטיגע פראגען אין באצוג צום דזשענעראל סטרייק.

ביי דיזען מיטינג וועט אויך זיין בר. לואיס היימאן, דזשענעראל מענעדזשער פון אונזער יוניאן.

מיט ברודער גרוס,

עקז. באארד לאקאל 82,
עקזאמינערס יוניאן,

מ. גרייפער, טשערמאן,
ל. ראזענבלאט, סעק.-מענעדזשער.

דעזיינערס וועלען שטעהן אין קאמף מיט די קלאוקמאכער

די קלאוק דעזיינערס האבען אויף זייער לעצטען מיטינג, שבת ביימאג, באשלאסען, אז ווען דער גענעראל-סטרייק אין קלאוקס-טרייד וועט ערקלערט ווערען, זאלען אלע דעזיינערס שטעהן אין קאמף מיט די קלאוקמאכער. עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז די דעזיינערס זאלען זיך באטייליגען אין דער פארזאמלונג אין מעדיסאן סקווער גארדען, וואס די דזשאינט באארד רופט אויף דעם 29טען דזשון.

ביים מיטינג האט א פארטרעטער פון דער דזשאינט באארד ברודער קארדעצקי פון דער קלאוקמאכער יוניאן ערקלערט, אז די יוניאן וועט ביים סעטלען מיט די באלעבאטים שטיצען די פאדערונגען פון די דעזיינערס און אז אינ׳ם נייעם אגרימענט וועלען די דעזיינערס קריגען די זעלבע אנערקענונג ווי אלע אנדערע ארבייטער פון קלאוקס-טרייד.

א מיטינג פון אלע דעזיינערס פון די קלאוק שעפער ווערט גערופען פאר דעם שבת 2.30 נאך מיטאג. אין גרענד אפערא הויז, 23טע סט. און 8טע עוועניו. דאס וועט פיליכט זיין דער לעצטער מיטינג בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק, דעריבער איז נויטיג אז אלע דעזיינערס זאלען קומען צום מיטינג.

ברודער ל. היימאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, וועט דעם מיטינג פאזיטיוו אדרעסירען און רעדען וועגען די אלגעמיינע לאגע און וועגען די דעזיינערס יוניאן אין באצוג צו דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק.

א. שעק, מענעדזשער לאק. 45.

נעהמט וואו אלע געהען.

איהר קאנט נישט געפינען א בעסערען פלאץ צו פארברענגען אייער וואקיישאן ווי אין אייער יוניטי הויז, אויף די „בלויע" בערג פון פענסילווייניא.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President; A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 26. New York, Friday, June 25, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די זעמשענע הענטשקעס

(אויס דעם ענגלישען)

פון דזשעראם ק. דזשעראם

זי האט תמיד געלעבט אין זיין זכרון אזוי ווי ער האט זי צום ערשטען מאל דערזעהן: א קליין, אינטעליגענט פנים, קליינע ברוינע שיך מיט לענגלאכע שפיצען, וועלכע האבען גראד באריהרט דעם זאמד, און קליינע הענט אין זעמשענע הענטשקעס צוזאמענגעלייגט אויפ'ן שויס.

ער האט זי נישט איינגאנצען גוט געזעהן, די דאזיגע פשוט געקליידעטע, קינדערשע געשטאלט, וואס איז געזעסען איינע אליין אויפ'ן באנק צווישען איהם און דער אונטערגעהענדיגער זון. ווען זי וואלט איהם אפילו אינטערעסירט, וואלט ער זי אויך נישט געקענט בעסער זעהן, ווייל זיין שעמעוודיגקייט וואלט איהם אין דעם געשטערט; ער האט מורא געהאט צו באגעגענען זיך מיט איהרע אויגען. קויב איז ער אבער אפגעגאנגען ווייטער א שטיקעל, האט ער תיכף דערפיהלט, אז ער זעהט זי פון דאס ניי: דאס בלאסע, לענגליכע געזיכט, די ברוינע שיך, די קליינע הענט אין די זעמשענע הענטשקעס. און די גאנצע צייט, וואס ער איז געגאנגען לענג אויס די בראד־איילאך סטריט, האט ער פאר'ן שיין פון דער אונטערגעהענדיגער זון כסדר געזעהן איהר געשטאלט. און אויפגעהערט צו זעהן זי האט ער ערשט דעמאלט, ווען די זון האט זיך באהאלטען הינטער די הויכע קוימענס פון ברוערי.

ווען ער האט זי דעם צווייטען מאל דערזעהן, בשעת ער איז אריין אין טויער פון פארק, האט ער גלייך דערפיהלט, וואס פאר א שטארקע ענטוישונג עס וואלט פאר איהם געווען, ווען די באנק ביים בוים פון די רויטע טולפאנען וואלט געווען ליידיג.

בשעת ער איז צוגעקומען נעהנטער צום ארט, וואו זי איז געזעסען, האט ער זיך כלומרשט אפגעשטעלט באטראכטען די בלומען. ער האט געהאפט, אז אזוי ארום וועט זיך איהם איינגעבען צוקוקען זיך נעהנטער צו איהר און זי זאל עס נישט באמערקען. דעם ערשטען מאל איז עס איהם געלונגען. צום צווייטען מאל אבער האט זיך זיין בליק באגעגענט מיט איהרע אויגען, אדער עס האט זיך איהם לכל הפחות געדוכט, אז ס'איז אזוי געווען; ער איז שטארק רויט געווארען און איז האסטיג אוועקגעגאנגען. און ווידער אמאל איז זי איהם נאכגעגאנגען, אדער בעסער געזאגט, איהר בילד איז איהם נאכגעגאנגען פאראויס. און אויף יעדער ליידיגער באנק האט ער זי געזעהן זיצען, האט געזעהן דאס בלאסע לענגלאכע געזיכט, די ברוינע שיך, די קליינע צוזאמענגעלייגטע הענט אין די זעמשענע הענטשקעס.

טאג־איין, טאג אויס, איז ער פון צעהן ביז זעקס אזייגער, געזעסען אין אן אומעטיגער, טונקעלער ביורא און בעארבייט יורידישע אקטען. איצט האט ער די גאנצע צייט ביי דער ארבייט געטראכט, וואס זאל ער איהר זאגען, און כסדר געזוכט א פאסיגען אריינפיהר צו א שמועס מיט איהר. און נאך דער ארבייט פלעגט ער אויפ'ן וועג צום פארק, די גאנצע צייט חזרן אין זיך די ווערטער, וואס ער דארף איהר זאגען. ווי ער פלעגט אבער צוקומען צום טויער פון פארק און דערזעהן איהר קליינע געשטאלט, פלעגען די ווערטער ערגעץ וואו אנטלויפען פון איהם. און ערשט דעמאלט, ווען ער פלעגט שוין געהן צוריק אהיים, פלעגט ער זיי ווידער צונויפנעמען.

דאס וואלט זיך מסתא אזוי געצויגען אהן א סוף, ווען ער וואלט איינמאל פלוצלונג נישט דערזעהן פאר זיך א ליידיגע באנק. קינדער זיינען ארומגעלאפען און פריילאך געשטיפט, מענשען זיינען געגאנגען, איהם אבער איז אויסגעקומען ווי אלץ וואלט געווען ליידיג און ווי אלע בוימער און בלומען וואלטען פלוצלונג גרוי געווארען. עס האט איהם פארקלעמט דאס הארץ און ער איז מיט האסטיגע טריט אוועק פון ארט. ער איז געלאפען פאראויס, נישט אזוי מיט'ן ציל זי צו געפינען, נאר מיט דער האפנונג, אז געהענדיג וועט איהם ווערען לייכטער.

לויפענדיג אזוי, האט ער זיך אנגעשטויסען אויף א ביים געראניעם, וואס האבען איהם פארשטעלט דעם וועג. ער האט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן, אז זי זיצט אויף א באנק. מיט איין שפרונג איז ער געווען לעבען איהר און האט זיך כמעט בייזערענדיג אפגערופען:

— זעהט, דא זיצט איהר נאך!

נישט אויף אזא מין ארט האט ער זיך געקליבען פארצושטעלען פאר איהר; עס איז אבער פונקט אזוי גוט געווען ווי זיינע אויסגעלערנטע פראזען — אויב נישט נאך בעסער.

זי האט זיך נישט באליידיגט, נישט פון זיינע ווערטער און נישט פון טאן מיט וועלכען זיי זיינען געזאגט געווארען.

— די קינדער — האט זי זיך אפגערופען — זיי האבען זיך געוואלט שפילען, האב איך זיך אוועקגעזעצט אביסעל ווייטער.

און אזוי ווי דאס וואלט געווען א נאטירליכע זאך, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן באנק לעבען איהר. און ביידען איז אפילו אויפ'ן זינען נישט ארויף, אז זיי קענען זיך נישט, נאך פון יענער צייט אן, ווען גאט האט דא ביי דער אלבאני סטריט פארפלאנצט דעם גארטען.

אווענט אין אווענט פלעגען זיי אזוי צוזאמען זיצען און צוהערען זיך צו די ליידענשאפטליכע ליבע־געזאנגען פון די פויגלען. איהם איז געפעלען געווארען איהר צארטקייט. ער איז אליין געווען שעמעוודיג, נישט דרייסט. איהר באשיידענקייט האט איהם צוגעגעבען מוט. ווייל פונקט אזוי ווי דאס פלעגט זיך אמאל טרעפען מיט איהם, ווען איהם פלעגט זיך אויסקומען צו באגעגענען מיט צו דרייסטע, מיידעלשע בליקען, פלעגט איצט געשעהן מיט איהר: איצט פלעגט זי זיך שרעקען, איהרע אויגען פלעגען זיך אראפלאזען, ווען זיי פלעגען זיך באגעגענען מיט זיינע בליקען, זי פלעגט אויפציטערען פון זיינעם א ריהר. און אזוי ארום האט זי איהם צום ערשטען מאל געגעבען צו פיהלען די פרייד פון מענערשער איבערגעוויכט און אויטאריטעט.

איינמאל האט ער דערזעהן א גרויסע קארב מאי־גלעקלאך, און איהם איז תיכף איינגעפאלען, אז ס'איז דא א גרויסע עהנליכקייט צווישען איהר און די דאזיגע איידעלע בלומען.

— קויפט מייעדינקער, — האט זיך צו איהם די פארקויפערין געווענדעט מיט א שמייכעלע און דערלאנגט איהם א בוקעט בלומען.

שפעטער, ווען ער האט זיך געטראפען מיט איהר, האט ער איהר דערלאנגט זיין מתנה און האט זיך צוגעקוקט, ווי זי האט צוגעשפילעוועט די בלומען צו איהר בלוזע. זי האט איהם נישט געדאנקט מיט ווערטער. ווען זי האט אבער אויפגעהויבען צו איהם איהר געזיכט, זיינען איהרע אויגען געווען פול מיט טרערען און איהר קליינע הענטעל אין דער זעמשענער הענטשקע האט געזוכט זיין האנט. ער האט עס פעסט געדריקט מיט זיינע ביידע הענט. זי האט עס אבער האסטיג ארויסגעצויגען צוריק.

איהרע הענטשקעס זיינען איהם געפעלען געווארען, הגם זיי זיינען געווען אלט און אין א סך ערטער פארצירעוועט. עס האט איהם הנאה געטאן, וואס זיי זיינען געווען פון לעדער. ווען זיי וואלטען געווען פון פאדים, ווי עס טראגען די גרעסטע טייל מיידלאך פון איהר שטאנד, וואלט איהם זעהר שווער געווען צוצודריקען זיי צו די ליפען.

זיי האבען זיך ארומגעזעהען, אז זיי האבען זייער פיל געמיינזאמעס צווישען זיך. הגם ער האט געהאט ערגעץ אויף מזרח עטלאכע ווייטע קרובים, זיינען זיי פונדעסטוועגען ביידע געווען איינע אליין אויף דער וועלט. און אויך איהר „חיים" איז באשטאנען פון איין שלאף־צימער, „דארטען ערגעץ", זי האט מיט איהר הענטעל געוויזען צו דרום צו. ער האט נישט פארלאנגט קיין גענויערען אדרעס.

זי האט נישט געהאט קיין פריינד, נישט קיין קרובים. זי האט בלויז געדענקט איהר בלאסע, יונגע מאמען, וועלכע איז געשטארבען גלייך נאכדעם ווי זיי זיינען איבערגעפאהרען קיין לאנדאן. די באלעבאסטע, ביי וועלכער זיי האבען געוואוינט, האט זי ערלויבט צו בלייבען אויף דער דירה און העלפען איהר דערפאר אין שטוב־ארבייט. שפעטער, ווען זי האט אויך די דאזיגע באשיצערין פארלארען, האבען זיך גוטע מענשען פאראינטערעסירט מיט איהר און האבען געקראגען פאר איהר א שטעלע. די ארבייט איז א לייכטע און זי ווערט גוט באצאהלט; זי האט אבער א פנים געמוזט האבען גרויסע חסרונות; ער האט עס פארשטאנען נישט אזוי פון איהרע ווערטער ווי פון איהר פלוצלונגדיגען אנטשווייגען ווערען, ווען עס פלעגט קומען וועגען דעם צו רייד.

איין צייט האט זי זיך אפילו געפרופט זוכען אנאנדער ארבייט; ס'איז אבער זעהר שווער געווען צו באקומען, און לאנג ווארטען האט זי נישט געקענט. עס וואלט אייגענטליך נישט געווען וואס צו באקלאגען, ווען נישט... זי איז אנשווייגען געווארען, צוזאמענגעלייגט איהרע הענט אין די הענטשקעס און געבליבען זיצען מיט אן אראפגעלאזטען קאפ. און ער, זעהענדיג ווי אומעטיג זי איז געווארען, האט אויך גיך אנגעהויבען צו ריידען וועגען אנאנדער זאך.

דער פריהלינג האט זיך געענדיגט און עס האט זיך אנגעהויבען דער זומער. און איין מאל אין א זומערדיגען אווענט איז געשעהן עפעס אויסערגעוועהנליכעס. לכתחילה האט ער זיך ניט געקאנט כאפען, וואס אזוינס האט עס איהר מיט אמאל צוגעגעבען אזא מין יום־טוב'דיגקייט און עפעס נאר א נייעם חן. און ערשט דאמאלסט, ווען ער האט ביים געזעגענען זיך מיט איהר גענומען איהר האנט, האט ער ערשט פארשטאנען, וואס איהר האנט איז עפעס נאר אנדערש ווי אלע מאל: זי האט געטראגען נייע הענטשקעס. דיזעלבינע ברוינע, זעמשענע הענטשקעס. זיי זיינען אבער געווען ווייך און קיהל און גלאט אנגעצויגען אויף איהרע פינגער, אזוי אז מען האט גוט געפיהלט די צארטע, שעהנע פארם פון איהרע הענט.

עס איז שוין כמעט געווען איינגאנצען פינסטער. זיי זיינען געווען אליין. געשטויסען פון עפעס א מאדנעם, אומגעריכטען געפיהל איז ער געפאלען פאר איהר אויף די קני — אזוי ווי דאס טרעפט געוועהנליך אין ראמאנען, אין דראמעס און טיילמאל אויך אין לעבען — און האט איהר געגעבען א לאנגען ליידענשאפטליכען קוש אין דער ברוינער הענטשקע.

עס האבען זיך דערהערט טריט. ער האט זיך האסטיג געשטעלט אויף די פיס. זי האט זיך ניט גערירט פון ארט. איהר גאנצער קערפער האט געציטערט און פון איהרע אויגען האט ארויסגעקוקט א מאדנע אימה.

די טריט האבען זיך אליין דערנעהענטערט און דערווייטערט, זיי זיינען נאך אבער ביידע געווען פארשטעלט פון וועג. אויף גיך, ניט ארויסריידענדיג קיין איין ווארט, האט זי איהם ארומגענומען און א קוש געטאן אין האלז. עס איז געווען א מאדנע ווילדער און פונדעסטוועגען א קאלטער קוש. דערנאך האט זי זיך אפגעקעהרט פון איהם און איז אוועק. ער האט זי נאכגעקוקט ביז זי איז ארויס פון טויער, זי האט זיך אבער קיין איינציגען מאל נישט אומגעקוקט.

עס איז אויסגעקומען, ווי דער דאזיגער קוש וואלט געשטעלט צווישען זיי א מחיצה. אויף מארגען אווענט, האט זי איהם אפילו באגריסט מיט דעם זעלבען שמייכעל ווי אלע מאל, אין איהרע אויגען האט זיך אבער געזעהן די נעכטיגע אימה. און שפעטער, בשעת ער האט געוואלט, זיצענדיג נעבען איהר זיך צוריהרען צו איהר האנט, האט זי זיך אזוי ווי אפגערוקט.

— אלע מאל טראגט איהר הענטשקעס? — האט ער שפעטער א ביסעל, אין דעם זעלבען אווענט געפרעגט.

— יא, — האט זי געענטפערט נאך שטיל. — אלע מאל ווען איך בין אין גאס.

— דא איז דאך ניט קיין גאס. מיר זיינען דאך אין גארטען. אפשר וואלט איהר געוואלט אויסטאן די הענטשקעס? — האט ער זי געפרואווט בעטען.

זי האט געקוקט אויף איהם א לענגערע צייט; און עס איז אויסגעקומען ווי זי וואלט וועלען עפעס ארויסלייענען ביי איהם פון געזיכט. זי האט אבער פונדעסטוועגען נישט געגעבען קיין שום תשובה. און ערשט דאמאלסט, ווען זיי זיינען שוין געגאנגען אהיים און זיי זיינען שוין געווען נאהענט ביים טויער, האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און האט איהם געגעבען א צייכען ער זאל זיך אויך זעצען.

פאמעליך און שטיל האט זי אפגעשפילעוועט די הענטשקעס, האט זיי אראפגעצויגען און אוועקגעלייגט אן א זייט. און ער האט צום ערשטען מאל דערזעהן איהרע הענט.

ווען ער וואלט בשעת מעשה געזעהן איהר געזיכט, ווען ער וואלט געזעהן דעם שטומען פיין אין איהרע אויגען, וואלט ער מסתמא געפרואווט פארבאהאלטען דעם געפיהל פון עקעל, וואס האט זיך אזוי קלאר געזעהן אויף זיין געזיכט און ער וואלט זיך אפשר אויך ניט אזא האסטיגען רוק געטאן אויף צוריק.

די הענט זיינען געווען קליין און די פארם זייערע איז געווען א שעהנע. די הויט איז אבער פון זיי איינגאנצען געווען אפגעקראכען, רויט און וואונדיג, ווי מען וואלט זיי צעבריהט מיט גליהענדיגע אייזענס; דערצו נאך זיינען זיי איינגאנצען געווען באדעקט מיט רויטע ווארצלען און די נעגעל זיינען געווען צעפרעסען.

— איך האב אייך דאס פריהער געוואלט ווייזען, האט זי זיך אפגערופען ווי צו זיך אליין און צוריק אנגעטאן די הענטשקעס. עס איז געווען א נארישקייט. איך האב דאס פריהער געדארפט פארשטעהן...

(שלוס נעקסטע וואך).

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן

(שאפ פעליעטאן)

פון אב. קארלין.

דעם מאל איז דער שאפ־מיטינג פון די ארבייטער פון דער „מערזאוויעץ קלאוק קאמפאניע" געווען גוט באזוכט. עס זיינען געווען אנוועזענד די אפרייטארס, שניידערס, פרעסערס, קאטערס און סאמפעל מאכער.

א גוטען סעזאן האבען זיי געהאט. 10 וואכען געארבייט מיט אווערטיים...

אין שאפ איז אין דער צייט פון סיזאן אלעס אריבערגעלאפען רוהיג... בלויז א פאר מאל האט דער באס מיט דעם אדוואקאט פון זיין אסאסיאיישאן געשראקען און געסטראשעט די ארבייטער, אז אויב די „פראדאקשאן" וועט זיך ניט פארבעסערען נעהט ער ארויס פון די ביזנעס און ווערט „א דזשאבער"... און דאס איז געווען ביים געבען די „פיי", ווען אן אפערייטאר איז א גע'חלש'טער געלעגען ניט ווייט פון זיין מאשין.

דער שאפ־מיטינג איז געווען דעם מאל א יום־טוב'דיגער. מ'האט זיך ניט געהיצט און ניט געקאכט. איינער האט ניט געזאגט נאכט, ווען דער אנדערער האט געזאגט טאג...

איין געפיהל האט אלעמען באהערשט,

— א פרעזענט פאר'ן שאפ־טשערמאן...

און דער שאפ־טשערמאן איז דאס טאקע ווערט געווען.

אט איז די רעזאלוציע וואס די פארזאמלטע האבען אויסגעארבייט, איבערגעבענדיג א ווערטפאלען פרעזענט דעם שאפ־טשערמאן, א דימענטענע שפילקע מיט א גאלדענע פאונטיין־פען.

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז אונזער פירמע די „מערזאוויעץ קלאוק קאמפאניע", וואס האט שוין עטליכע מאל געפיילט און אנגעזעצט די ארבייטער די ווידזשעס, — האט שוין צום דריטען מאל געסטראשעט די ארבייטער און אויך די פיהרער פון דער יוניאן אליין, אז צום נעקסטען סיזאן נעהט זי ארויס פון קלאוק־מאנופעקטשורינג און ווערט א דזשאבער.

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט, דאס נאר א דאנק די איבערגעבענקייט פון אונזער שאפ־טשערמאן ברודער נח למד און דער ביזנעס־אגענט, ברודער קוועקזילבער, וואס האבען די פירמע איינגעהאלטען אין די ביזנעס, — טאקע נאר מיט זייערע לעצטע קרעפטען — און די פירמע האט דעם סיזאן געמאכט גאלדענע געשעפטען... און „אין אנבאטראכט, דאס די פירמע האט ארויפגענומען א נייעם דעזיינער, האט ארויפגענומען נייע סאמפעל־מאכער, מיט דעם אויסרייד, אז די אלטע פלעגען צווישען זיך קריגען...

„אין אנבאטראכט, אז מעהר ווי איין אפרייטאר איז לעצטען סיזאן ניט געשטארבען, און מעהר ווי איין פינישער איז ניט „דיסטשארדזשט" געווארען און מעהר זוי צוויי אפרייטארס האבען ניט גע'חלש'ט ביי די מאשינען און ווייטער איז אלעס אריבער אין בעסטען ארדנונג, וואס בעסער קען ניט זיין...

„זיי עס דארום באשלאסען, דאס מיר פרעזענטירען אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער נח למד, און אונזער ביזנעס־אגענט, ברודער קוועקזילבער, און מיר ווינשען, אז זיי זאלען דעם פרעזענט פארנוצען געזונטערהייט. אויך דריקען מיר אויס צו זיי אונזער פולע דאנקבארקייט, און מיר האפען, אז זיי וועלען ווייטער „טרייען" זייער „בעסט" און איינהאלטען אונזער באס פון ארויסגעהן פון ביזנעס!...

„מיר באשליסען אויך צו פארעפענטליכען די דאזיגע רעזאלוציע אין דער „ארבייטער פרעסע" און זאלען אלע נעהמען א ביישפיל פון אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער נח למד, און דער ביזנעס־אגענט ברודער קוועקזילבער".

איינער פון די אונטער פרעסער פון דעם שאפ, א קליין, גאליציש אידעל, האט די דאזיגע „מייסטערהאפטע" רעזאלוציע פארגעלייענט, און ווען ער האט פארענדיגט, איז ער פון אלעמען ווארים אפלאדירט געווארען.

אויפ'ן שאפ־טשערמאן'ס אויסגעדארטען בלייכען פנים, האט זיך א גליקליכער שמייכעל באוויזן. „אנערקענונג!" — האט איהם א זעץ געטאן אין מוח...

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

אן ערקלערונג פון ל. פינקאווסקי, מענעדזשער פון לאקאל 23

איך האב ניט געהאט אין זינען צו מאכען אירגענד וועלכע ערקלערונגען וועגען דעם, וואס מען האט מיר נידער־געשטיט, אדער בעסער געזאגט, ארויסגע־ווארפען פון דער פיקעט קאמיטע. נאר אז די פיהרער פון דער יוניאן האבען גע־פונען פאר נויטיג פארצוברענגען די אנ־געלעגענהייט פאר די סעקשאן־מיטינגען, זיך רעכטצופערטיגען, פיהלען זיי דאך אודאי אז זיי האבען געטאן עפעס וואס איז ניט ריכטיג און ניט גוט, טא וועל איך שוין אליין אויך עפעס זאגען וועגען דעם.

איך בין פאר אלץ און איבער אלץ א יוניאן מאן און איך האב שוין אוועק־געגעבען א העלפט פון מיין לעבען פאר דער יוניאן באוועגונג, און האב שוין פארשיידענעס דורכגעמאכט. האב איך זיך געטראכט: ארויסגעווארפען זאל זיין ארויסגעווארפען, און האב באשלאסען צו שווייגען. ווייל איצט איז ניט די צייט זיך אויסצו'טענה'ן. עס איז בעפאר א סטרייק און פערזענליכקייטען דארף קיין ראלע ניט שפילען. מען דארף יעצט מיט פאראייניגטע קרעפטען באגעגענען דעם שונא.

אבער אנשטאט וואס איך האב בא־דארפט האבען טענות, האט מען נאר טענות צו מיר! למשל: אויף די לאקאל 2 סעקשאן מיטינגען, איז געמאכט גע־ווארען די ערקלערונג, „אז פינקאווסקי האט געסטראשעט היימאנען און דערפאר לאזט מען איהם ניט אריין אין דער פי־קעט־קאמיטע". האב איך געדענקט, אז מיט דעם האט זיך עס געענדיגט. קומט אבער ארויס דאנערשטאג דעם 17טען יוני די קאמוניסטישע בלעטעל מיט אן אטאקע אויף'ן מענעדזשער פון לאק. 23, אין וועלכער ס'ווערט ווידער געזאגט, אז איך האב „געסטראשעט". קאן מען דער־פון ווידער אמאל דרינגען, אז די לייטע פיהלען, אז דא איז אפגעטאן געווארען ניט קיין ריינע שטיקעל ארבייט און מען זוכט ארויפצוווארפען די שולד אויף מיר. טא. לאמיר זעהן, וואס דא האט ווירקליך פאסירט.

דער דזשאינט באארד האט ערוועהלט א קאמיטע צונויפצושטעלען די סטרייקס־קאמיטעס, און איך בין ערוועהלט געווא־רען צו דער פיקעט־קאמיטע אלס ווייס־טשערמאן. היימאן האט דאן געמאכט אן אבדזשעקשאן געגען מיר אין די פאלגענ־דע ווערטער: „איך צווייפעל ניט אז פינ־קאווסקי איז א גוט־ערפאהרענער מענש אין יעדער קאמיטע, נאר אין דער קאמי־טע וועט ער ניט קענען דורכקומען מיט מארקס'ן, דעם סעקרעטער פון דער קא־מיטע". ווארום עפעס מיט מארקס'ן און נים מיט גארעצקי, וואס איז דער טשער־מאן פון דער קאמיטע, ווייס איין גאט.

נו, וואס האב איך דאן געענטפערט? נים נים אן קיין פאלשע אורזאך. ביי מיר איז יוניאן צום ערשטען! אין א צייט פון א סטרייק קאן איך ארבייטען מיט יעדען איינעם פון דער יוניאן אום צו געווינען דעם סטרייק. און וואס איז געווען דער סוף? נאך א שטונדע „קאקאס'ן", האט דאן די קאמיטע באשלאסען אז איך זאל זיין אין דער פיקעט־קאמיטע.

עס איז פאראיבער א דריי וואכען און עס איז געקומען די פראגע צום דזשאינט באארד. ביים דזשאינט באארד האט מען גוטגעהייסען אלע וואס זיינען אויסגע־וועהלט אין די קאמיטעס, נאר ניט מיר. מען האט עס געטאן אויף'ן גרונט אז איך האב „געסטראשעט" היימאנ'ען.

דאס איז נאטירליך ניט אמת. די זאך איז אזוי:

איך בין געקומען צו היימאנ'ען בעטען א באזונדערען האל פאר די סקווירטמא־כער, די מיטגלידער פון לאקאל 23, פאר דער צייט פון סטרייק. איך האב איהם געזאגט, אז איך וויל דאס די מעמבערס, וועלכע איך האב די עהרע צו זיין זייער מענעדזשער, זאלען אין צייט פון סטרייק זיין צוזאמען אין א באזונדער האל, ווי דאס איז געווען אין אלע אונזערע סטרייקס פון 1910 אן. היימאן האט געזאגט, אז ער וועט אונז קיין באזונדערען האל ניט געבען און איך האב פראטעסטירט נעגען דעם אין נאמען פון די מיטגלידער פון לאקאל 23. איז ער געקומען צום דזשאינט באארד, און אונטער'ן אויסרייד אז איך האב „געסטראשעט", מיך אבדזשעקטעד פון דער פיקעט־קאמיטע.

ווי איך האב שוין פריהער באמערקט, איז היימאן נאך פריהער געווען נעגען דעם, איך זאל זיין אין דער קאמיטע. און ביים מיטינג פון דזשאינט באארד האב איך איהם געפרעגט, ווען ער האט געזאגט דעם אמת, צי ביי דער קאמיטע, ווען ער האט געזאגט, אז איך וועל ניט קענען אויסקומען מיט מארקס'ן, אדער ביים דזשאינט באארד, ווען ער האט גע־זאגט, אז איך האב איהם געסטראשעט. זאלען די לעזער זיין די ריכטערס.

די אונטערשטע שורה איז, עס איז פא־ליטיקס און דאס אלעס.

היינט נאך עפעס: בארוכאוויץ האט מיר פארגעשלאגען צו ווערען דער וויס־טשערמאן אין דער האל־קאמיטע און היי־מאן האט געזאגט אז ער האט ניט קיין אבדזשעקשאן. דאס מיינט, אז אין דער האל־קאמיטע קען איך זיין, און אין דער פיקעט־קאמיטע ניט. דאס מיינט, אז אין דער האל־קאמיטע מעג איך זיין, אפילו ווען איך האב איהם, ווי ער זאגט, גע־סטראשעט. וואו איז די לאגיק פון דעם?

מיט טרייד יוניאן גרוס
ל. פינקאווסקי,
מענעדזשער לאקאל 23.

א ווארט וועגען מאיר לאנדאן

ווערטער רעדאקטאר: —

דער גרויזאמער טויט פון אונזער בא־ליבטען מיטקעמפער און פריינד מאיר לאנדאן, האט ערשיטערט אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

עס איז נאטירליך, אז די מענשליכע הארץ, ווען איבערפילט מיט צער און טרויער איבער דעם פארלוסט פון א טייערען מענשען, זאל אין דעם ערנ־סטען מאמענט מאכען פארגעסען וועגען שטרייטיגקייטען און פאליטישע אויסרע־כענונגען. עס איז דארום גאנץ פאר־שטענדליך פארוואס פאליטישע געגנער, ביזנעס לייט און ארטאדאקסישע אידען, האבען אויסגעדריקט אכטונג פאר דעם נאבעלען פיאניר פון דער ארבייטער בא־וועגונג מאיר לאנדאן.

די געזעלשאפטליכע באדייטונג פון מאיר לאנדאן'ס גרויסע לויה, אין וועל־כער עס האבען אנטייל גענומען אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, איז אן אנערקענונג פאר דער ארבייטער באווע־גונג, וועמענס ערהאבענע אידעאלען האבען ארויסגעבראכט אזא טאלאנטפאלע פערזענליכקייט ווי מאיר לאנדאן. בלויז די קאמוניסטישע פרעסע איז אנגעפאלען מיט פארלוימדונגען אויף דעם גוטען נא־מען פון אונזער טראגיש־אומגעקומענעם מאיר לאנדאן, ווען זיין ווארימע בלוט איז נאך ניט געווען פארקיהלט אין זיין צעווארגעטען קערפער. עס איז געווען צו ערווארטען פון זיי. אויף דעם זעל־בען אופן האבען זיי דאך באהאנדעלט מיט עטליכע יאהר צוריק דעם פאר־שטארבענעם רעוואלוציאנער און מאר־טירער וואלאדימיר מעדעם. עס לוינט נאר ניט זיך אויסצו'טענה'ן מיט די קאמו־ניסטען. פאר דעם פאנאטיקער־קאמו־ניסט זיינען מעדעם און לאנדאן בלויז פאליטישע געגנער, געגען וועלכע אלע מיטלען זיינען כשר ווען זיי דינען זיי־ער פאליטיש־פארטייאישען צוועק.

איך קען אבער ניט פארשווייגען דעם פאקט וואס די פארשטעהער פון מיין יוניאן האבען זיך געמאכט כלא ידע און האבען קיין זאך ניט געטאן אויסצודרי־קען דעם סענטימענט פון דער גרויסער מעמבערשיפ איבער דעם פארלוסט וואס די ארגאניזירטע ארבייטער האבען געלי־טען מיט דעם טויט פון מאיר לאנ־דאן.

ווען די טרויער פראצעסיע האט פאר־ביי־מארשירט סעקאנד עוועניו און פערצעהנטע סטריט האט מען געזעהן די ווענט פון דער יוניאן געביידע פון קאטערס יוניאן לאקאל 10 און פון פאר־אייניגטע טריידס פון איטאליענישע קלאוקמאכער לאקאל 48, איינגעהילט אין טרויער. אבער פארשעהמט האבען אראפגעקוקט די ווענט פון קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35. די פארשטעהער פון מיין לאקאל יוניאן האבען איגנארירט דיזע געזעלשאפטליכע געשעהעניש און האבען ניט אויסגע־דריקט קיין טרויער אויף אירגענד וועל־כען אופן. איך קען די מעמבערשיפ פון מיין יוניאן אזוי גוט ווי יעדער איינער פון די פיהרענדע פערזאנען היינט צו־טאג און איך נעהם זיך די פרייהייט צו זאגען, אז זיי האבען פארשעהמט אונ־זערע טויזענטע מיטגלידער. פילע מעמ־בערס דריקען טאקע אפען אויס זייער פארדרוס אין אפיס פון דער יוניאן.

מאיר לאנדאן האט מיט זיינע גלענ־צענדע פעהיגקייטען געדינט דער גאנ־צער ארבייטער באוועגונג. א גאר בא־זונדער פלאץ פארנעהמט זיין טעטיגקייט אין אונזער אינטערנעשאנאל. ער האט ניט אויסגעמידען אונזער לאקאל. ניט איין מאל האט זיין פלאמענדער גייסט אנגעצונדען אונזערע הערצער מיט פייער פון קאמף. איך וועל זיך באגנוגענען אין דיזען פאל מיט איין ערינערונג. דאס האט פאסירט א געוויסע צייט נאך דעם דזשענעראל סטרייק פון 1910. אויף א מעמבער־מיטינג פון פרעסערס אין קלינטאן האל האט לאנדאן געהאל־טען איינע פון זיינע ענטוזיאסטישע רע־דעס. איך געדענק ווי ער האט צו אונז אפעלירט, געבעטען ווי א פאטער די קינדער, צו זיין איבערגעבען און האל־טען פעסט אונזער יוניאן. נאך דעם מיטינג האב איך באמערקט ווי לאנדאן שטעהט נעגען איבער, אויפ'ן קארנער גרענד סטריט און שלינגט מיט זיינע בליקען אונזער עולם פרעסערס, וועלכע האבען נעפיהרט באגייסטערטע גע־שפרעכען געהענדיג פון מיטינג. כ'האב דאן לאנדאן'ען באאבאכטעט און איך האב זיך איבערצייגט, אז פאר איהם איז האלטען א רעדע פאר ארבייטער ניט געווען בלויז אפ'פטר'ן א פליכט, נאר ער האט געלעבט און געאטעמט מיט דער לופט פון די אויפבליהענדע יו־ניאנס צו יענער צייט.

פאר דער גאנצער צייט ביז די ענדע פון זיין פרוכטבארען לעבען איז ער גע־ווען דער איבערגעגעבענער פריינד און ראטגעבער פון לאקאל 35.

איך באטראכט דארום די האלטונג פון דער אפיציעלער פארשטעהערשאפט פון מיין יוניאן פאר א „טעכנישען צו־פאל". עס קוקט מיר אויס ווי א נארי־שער איינפאל וויל אפשפילען א טריק און ציהט ארונטער די טונקעלע שייד אין צימער און מיינט, אז ער האט פאר אלע פארשטעלט די ליכטיגע זון.

איך וויל עפענטליך אויסדריקען מיין טיפען באדויערען און צוזאמען מיט פי־לע טויזענטער מיינע יוניאן ברידער בויג איך דעם קאפ און טרויער איבער דעם פרישען קבר פון אונזער פריינד און מיטקעמפער מאיר לאנדאן.

מ. סלאווין,
מעמבער פון לאק. 35 א. ל. ג. וו. י.

ארבייטער פארברענגען אויף א באנקעט

ווערטער הער רעדאקטאר פון דער „גע־רעכטיגקייט" :—

גיט אונז א שטיקעל פלאץ אין אונ־זער ווערטען ארגאן.

מיר, די ארבייטער פון „פעקער און סאן", 114 וועסט 26טע סט., האבען געהאט א באנקעט, וואס איז געגעבען געווארען פון דער פירמע, שבת, דעם 5־טען יוני. טאאסט־מייסטער איז געווען ברודער שאפירא, איינער פון דער קא־מיטע פון שאפ. ער און אויך די אי־בעריגע ארבייטער האבען געזאגט אין זייערע רעדעס, דאס עס האט געהערשט א פולשטענדיגע הארמאניע צווישען די ארבייטער פון שאפ און דער פירמע.

אין דער זעלבער צייט איז איבער־געגעבען געווארען דעם שאפ־טשערמאן, ברודער אלשאנסקי, א דיימאנד־פין פאר זיין גוטער ארבייט. מיר ווינשען איהם דאס צו נוצען געזונטערהייד און טאן אויך ווייטער ניצליכע ארבייט פאר די ארבייטער פון שאפ.

אן אפיל איז געמאכט געווארען פון ברודער שניידער פאר דעם פארטיידי־גונגס־פאנד פון שווארצבארד'ען, און עס איז געזאמעלט געווארען 28 דאלאר.

מען האט פארבראכט ביז שפעט ביי־נאכט, און מען איז זיך צוגאנגען אין דער בעסטער שטימונג.

שאפירא, לאקאל 2
הערמאן אקערמאן, לאקאל 2
יצחק ליבאוו, לאקאל 35.

הילף פאר די פאריער־סטרייקער

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכ־טיגקייט" :—

נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם אומ־ערמידליכען קאמף, וואס די בראווע פאריערס פירען אן פאר די לעצטע 16 וואכען, האבען מיר, אלע ארבייטער פון עדיסאן שאפ, 252 וועסט 35טע סטריט, באשלאסען פינאנציעל צו שטיצען די מוטיגע קעמפער מיט וויפיל עס איז אונז נאר מעגליך. מיר האבען געמאכט א קאלעקשאן אין שאפ און געזאמעלט 64 דאלאר.

פאלגענדע מעמבערס האבען בייגע־שטייערט:

סאראה וואללאך, אננא מינץ, ארע־לע קרויטהאמער, מאלי לערנער, ראזע באקין, ווערא גארדען, יעטטא וויענער, יאהן עניטטא און ראזע פאראנדא — צו 5 דאלאר, מאריע גאזארדא און פאנצעט־טא — צו 4 דאלאר, מארים פישלא־וויטץ — 3 דאלאר, א. פאלאצא, ראזע פיטטי און פאניע ליפנער — צו 2 דאל. צוזאמען 64 דאלאר.

מיר ווינשען, אז זייער מוטיגער קאמף זאל דערפיהרט ווערען צו א זיגרייכען ענד. זאלען אנדערע שעפער נאכפאל־גען אונזער ביישפיל.

די קאמיטע.

פון רעדאקציע: — דער צושריפט מיט דעם ליסט פון דער געלט־זאמלונג פאר די פאריער־סטרייקער איז אנגעקומען אין דער רעדאקציע מיט א טאג פריהער, איידער דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען, און עס ווערט דעריבער פארעפענטליכט איצט, ווען דער סטרייק איז שוין פאראיבער. אנדערע שעפער קענען זיך נאך אבער אלץ אראפנעה־מען א ביישפיל — זאמלען געלט און עס שי־קען אין פאסייק צו די טעקסטיל־סטרייקער.

שוואכע מענשען
וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר־מיטלען
זאלען נעהמען
עקס־לאקס
געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקטור
עקס־לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען, דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען, קליין און גרויס.
10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

ה. סלוצקי'ס
ראשען ווילעדזש
רעסטאראנט
РУССКАЯ ДЕРЕВНЯ
157 סעקאנד עווענין
(נעבען 10טע סטריט)
רעגולאר דינערס און סאפערס אויף מעסיגע פרייזען ווערען געגעבען צווישען 12 אוהר בייטאג און 9 אוהר אווענד. נאך 9 אוהר איז אלע־קארט.
געזונטע און פרישע שפייזען גאראנטירט.
רוסישער באלאלייקא ארקעסטער
שפילט אלע אווענד צווישען 7 און 9 און 11 ביז 1 אוהר ביינאכט.
קלאוקמאכער און דרעסמאכער ווערען ספעציעל איינגעלאדען.
איר וועט דא געפינען די בעסטע שפייז און א היימיש־רוסישע אטמאספערע
H. SLUTZKY'S RUSSIAN VILLAGE RESTAURANT
157 Second Avenue
Near 10th St., New York City

צו דער געשיכטע פון דער טראַגעדיע סאַקאָ און וואַנזעטי

פון ל. פינקעלשטיין.

די געשיכטע פון דעם פּראָצעס, אדער בעסער געזאגט, פון דער דראמא, אדער טראַגעדיע, וואס די אמעריקאנער יוס־טיץ האט דאַ אויפגעשפּילט אונטער'ן נאָמען: דער פּראָצעס פון סאקא און וואנזעטי, ציהט אַלץ מעהר און מעהר צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ברייטען עולם פון דער ארבייטער־וועלט, אין אמעריקא און אויך אין אייראָפּא.

דאָס ארבייטער פאלק דאַ אין לאנד, אזוי גוט ווי פון אייראָפּא, פיהלט, אז עס איז באגאנגען געווארען א גרויסער פארברעכען געגען די צוויי ראדיקאַלע איטאַליענישע ארבייטער און אַלץ העכער און העכער נעמט זיך הערען די שטימע פון פּראָטעסט געגען דעם אורטייל געגען זיי, און אַלץ העכער און שאַרפער ווערט די פאָדערונג פאר זייער באַפרייאונג.

די דראמא, אדער טראגעדיע ס א ק א און וו א נ ז ע ט י איז שוין אַלט איבער זעקס יאָהר און די פאקטען פון דער קייס זיינען שוין טיילווייז פארגעסען געווארען. עס איז שוין באַלד אויך פארגעסען געוואָרען, ווי אזוי ס'איז געפיהרט געווארען דער פּראָצעס געגען די צוויי מארטירער, ווי „אומפּארטייאיש" דער דאָזיגער פּראָצעס איז געפיהרט געווארען, וואס פאר א מינים עדות עס זיינען געגען זיי אויפגעטראטען, און אויף וועלכע פאקטען, און אויך אונטער וועלכע אומשטענדען, די דזשורי פון יענעם היסטארישען פּראָצעס האט זיי געפונען „שולדיג", און זיי זיינען פאר'משפט געווארען צום טויט.

עס וועט דעריבער ניט שאַדען אין דעם איצטיגען מאָמענט אפּצופרישען די אַלע פאקטען אין דער קייס. ווארים וואס מעהר מען וויס די אַלע פאקטען אַלץ קלעהרער ווערט עס פאר יעדען, אז סאקא און וואנזעטי זיינען אומשולדיג; אז זיי זיינען פאר'משפט געווארען פאר א פארברעכען וואס „האלד־אַפּניקעס" זיינען באגאנגען. עס ווערט קלאָהר, אז דער בלבול געגען זיי איז געמאכט געווארען דערפאר ווייל זיי זיינען „פרעמדע" און נאָך ראדיקאַלען דערצו, וועלכע זיינען געווען געגען מלחמה און זיינען עס אויך פארבליבען אין דער צייט פון לעצטען וועלט־קריג, צום גרויסען ערגערניש פון אַלע מאָרד־פּאטריאטען, פאר וועלכע די וועלט־מלחמה איז געווען א גליק, וואס טרעפט זיך ניט אזוי זעלטען, אפילו אין היינטיגער וועלט פון כאַפּ־לאַפּ! פאר אזא פארברעכען האט די קאפּיטאליסטישע יוסטיץ ניט געקאָנט זיי מוחל זיין. די דזשורי האט זיי געפונען „שולדיג", דער ריכטער האט זיי פאר'משפט צום טויט און די אנדערע ריכטער, פון די העכערע געריכטען, שטיצען דעם משפט פון זייער קאַלעגע, און ווילען נישט באווילינגען קיין נייעם פּראָצעס.

אָט זיינען די פאקטען אין דער קייס, וואס דערצעהלען די גאנצע געשיכטע פון דעם טרויעריג־בארימט־געווארענעם פּראָצעס:

אין סאוט ברײנטרי, א שטעדטעל אין מאסאטשוזעטס, איז דאַ א גרויסע שוך־פאבריק, וואס באשעפטיגט הונדערטער מענשען. דעם 15טען אפּריל, 1920, זיינען צוויי אנגעשטעלטע — פרעדריק פּאַרמענטער און אַלעקסאנדער בעראר־דעלי — געגאנגען אין באנק און גענומען פופצעהן טויזענד דאלאר אויסצוצאָהלען ווידזשעס. אויפ'ן וועג צוריק זיינען צוויי באנדיטען זיי באפאלען, ארויסגעכאַפּט דאס געלט, זיי דערשאָסען אויף טויט און אנטלאָפען אין אן אויטאָמאָביל. מיט דריי וואכען שפּעטער האט די פּאָליציי ארעסטירט ניקאַלאי סאקא און בארטאלאמעא וואנזעטי, צוויי איטאַליענישע ראדיקאלע ארבייטער, און מען האט זיי באשולדיגט אין דעם מאָרד און האָלד־אַפּ.

גלייך ווי דער ארעסט איז געמאכט געווארען פון דער פּאָליציי, און סאקא און וואנזעטי זיינען אריינגעזעצט געווארען אין טורמע אויף דער קלאגע פון „רויב און מאָרד", האָט זיך אין דער ראדיקאַלער און ארבייטער וועלט געשאַפען דאס געפיהל, אז עפּעס איז דאַ ניט אזוי ווי די פּאָליציי פון יענער שטעטעל האט באהויפּטעט, און וואס ווייטער איז דער פארדאַכט געווארען אַלץ שטאַרקער. אַלע האָבען געפיהלט, דאס די זאך דארף גענוי אונטערזוכט ווערען. און וואס מעהר מען האט די זאך אונטערזוכט, איז עס געווארען אַלץ קלאָרער, דאס ענטוועדער די פּאָליציי פון יענער שטעדטעל האט געמאכט א מיאוס'ען און א שרעקליכען טעות, אדער עס איז נאָך עפּעס ערגער — עס איז געמאכט געווארען געגען די צוויי ראדיקאַלען א „פריים אפּ", און אבזיכטליך און בייזווילינג איז געגען זיי באגאנגען געוואָרען א שרעקליכער, א שוידערליכער פארברעכען! און עס האָט זיך געגרינדעט א פארטיידיגונגס־קאָמיטע פון ראדיקאַלע מענשען צו פארטיידיגען אין געריכט די צוויי אנגעקלאָגטע.

דער פּראָצעס איז פארגעקומען אומגעפעהר מיט א יאהר שפּעטער ווי זיי זיינען ארעסטירט געווארען און האט געדויערט ארום זיבען וואָכען. אין צייט פון פּראָצעס זיינען אויפגעטראטען 180 עדות, פאר דער אָנקלאגע און פאר דער פארטיידיגונג, און יענער פּראָצעס האט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס אין דער ראדיקאלער און ארבייטער וועלט פון אמעריקא און אויך פון אייראָפּא. כמעט אין יעדען לאנד וואו עס איז דאַ אן ארגאניזירטע ארבייטער־באוועגונג, זיינען געמאכט געווארען דעמאָנסטראציעס דורך וועלכע מען האט ארויסגעדריקט סימפּאַטיע פאר די אָנגעקלאָגטע און אומעדום, וואו נאָר עס איז נאָכגעפאלגט געווארען אַלץ וואס איז פארגעקומען אויפ'ן פּראָצעס, איז ארויסגעדריקט געווארען דאס פולע גלויבען אין דער אומשולד פון די אנגעקלאָגטע.

אבער צום טראָץ פון די אַלע, וואס האָבען געהאַט אָט דעם טיפען גלויבען, זיינען ניקאָלא סאקא און בארטאלאמעא וואנזעטי געפונען געווארען „שולדיג" אין דעם פארברעכען און זיי זיינען פאר־משפט געווארען צום טויט.

פיר זיינען געווען די הויפּט עדות פאר דער אָנקלאגע, — צוויי מענער און צוויי פרויען. א געוויסע מערי ספּליין, לאָלא אנדרעווס, לואיס פעלזער און קאַרלאָס גודריטש. זיי האָבען געשוואָרען, אז זיי האָבען בייגעוואוינט דעם רויב און מאָרד. די ערשטע דריי האָבען דערקענט סאקא'ן אלס איינעם פון די „באנדיטען". דער לעצטער האט דערקענט וואנזעטי'ן. אבער ווי ערנסט דאס זאָל ניט קלינגען ביים ערשטען אויגענבליק, מוז מען ראשית געדענקען, אז די דאָזיגע עדות האָבען סאקא'ן און וואנזעטי'ן פאר'ן מאָרד ניט געקענט. זיי האָבען צוגעגעבען, אז פריהער האָבען זיי די באשולדיגטע קיינמאָל ניט געזעהן.

עס איז פאר יעדען פארשטענדליך, דאס אזעלכע מענשען וואס מאָרדען און רויבען אין גאס און אין מיטען העלען טאג דערצו, ווי דאס איז געווען דער פאל אין סאוט ברײנטרי, וועלען זיך נאָכ'ן מאָרד ניט אוועקשטעלען אין גאס, אז די פארבייגעהער זאָלען זיך איינקוקען אין זייערע פּנים'ער, כדי מען זאָל זיי נאָכדעם דערקענען. עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, אז אזעלכע מענשען וועלען זיך אודאי וואס גיכער אפּטראָגען פון פּלאַץ, און טאָן אַלץ, ניט צו לאָזען פון זיך קיין שפּור. און אויף דעם האָבען טאַקע אָנגעוויזען די לאיערס, וועלכע האָבען פארטיידיגט סאקא און וואנזעטי. אבער דאס האט נאָר ניט געהאָלפען אפּצושוואַכען דעם איינדרוק ביי דער דזשורי, אז די עדות האָבען דערקענט די „פארברעכער", כאָטש די פארטיידיגונג פון די אָנגעקלאָגטע האט באוויזען מיט פאקטען, און דורך פילע עדות, אז סאקא און וואנזעטי האָבען נישט באגאנגען דעם שוידערליכען פארברעכען, פאר וועלכען מען האט זיי גע'משפּט.

עס איז, נאטירליך, שווער צו זאגען באַשטימט, דאס די דערמאָנטע פיר עדות פאר דער אָנקלאגע זיינען געווען פאלשע, אונטערגעקויפטע. איינס אבער איז נאָכדעם פעסטגעשטעלט געווארען, קיין ערענהאַפטע מענשען מיט א פיינעם כאראקטער זיינען זיי ניט געווען. און ווי קאָנען אזעלכע מענשען זיין באגלויבט?

איינע פון די עדות, מערי ספּליין, האט אויף דעם ערשטען פארהער, גלייך נאָכ'ן ארעסט פון די צוויי אָנגעקלאָגטע געזאגט און געשוואוירען, אז זי איז ניט זיכער, אויב זי האט געזעהן סאקא'ן באגעהן דעם פארברעכען. אבער אויפ'ן פּראָצעס, מיט א יאהר שפּעטער, האט זי שוין געזאגט, אז זי איז יע „זיכער", אז זי דערקענט סאקא'ן אלס איינעם פון די וואס זיינען באגאנגען דעם פארברעכען.

א צווייטער עדות, א געוויסע לאָלא אנדרעווס, איז א פּיפּיקע ווייבעל מיט א פארנאנגענהייט. ווען דער לאיער פון דער פארטיידיגונג האט איהר גענומען אויף א קרייץ־פארהער און גענומען ארויסברענגען ווער זי איז, האט זי געחלש'ט אין טשער און מען האט זי געמוזט אפּלאָזען. אויך אָט די ווייבעל האט געזאגט, אז זי „דערקענט" סאַקא'ן, און ווי איהר ווייסט, האט די דזשורי געגלויבט איהרע ווערטער, ניט אכטענדיג ווער און וואס זי איז. און דער פאקט איז, דאס נאָכ'ן פּראָצעס האט די ווייבעל ערקלערט, אז זי האט פּ אַ ל ש ע ד ו ת ג ע ז אָ ג ט! זי האט געזאגט, אז די אָנקלאגע האט איהר געצוואונגען עס צו טאָן, און האט געגעבען צו די לאיערס פון דער פארטיידיגונג א געשוואוירענעם אפידייוויד, אז זי האט פאַלש עדות געזאגט, און אז זי האט חרטה וואס זי האט עס געטאָן.

אויך דער דריטער עדות געגען סאַקא'ן, מר. פעלזער, האט געטאָן דאס זעלבע. אויך ער האט נאָכ'ן פּראָצעס זיך מודה געווען, אז ער האט פאַלש עדות געזאגט, און דאס ער האט חרטה וואס ער האט עס געטאָן. ער האט נאָכדעם אפּגעלייקענט כמעט אַלץ וואס ער האט געזאגט אויפ'ן עדות־בענקעל אין צייט פון פּראָצעס. אבער דאס אַלץ האט ניט געהאַט קיין ווירקונג, עס זאָל אומגעוואָרפען ווערען דער אורטייל געגען די צוויי פאראורטיילטע מארטירער און זיי זיצען נאָך אַלץ אין טורמע מיט א טויט־אורטייל הענגענדיג איבער זייער קאָפּ.

גודריטש, דער פערטער עדות, איז געווען דער איינציגער וואס האט „דערקענט" וואנזעטי'ן, אבער ווער איז דער דאָזיגער גודריטש? ער אליין איז א באוואוסטער פארברעכער וואס איז שוין „געזעסען" עטליכע מאָל אין פּריזאָן פאר פארשידענע פארברעכענס. זיין שבועה איז אלזא ניט קיין זעהר הייליגע. דערצו נאָך איז ער געווען זיכער, אז וואנזעטי איז געווען דער שאָופער פון דער באנדיטען־מאשין. אבער די פארטיידיגונג האט באוויזען אין צייט פון פּראָצעס, אז וואנזעטי קאָן ניט טרייבען קיין אויטאָמאָביל.

און כאָטש דאס אַלעס ווארפט פאקטיש אום דאס גאנצע עדות־זאגען פון דעם פארברעכער גודריטש, האט עס אבער ניט געשטערט דער דזשורי צו ווערען באאיינפלוסט פון זיינע רייד. די דזשורי האט אויך איהם געגלויבט.

אבער דאס איז נאָך ווייט ניט אַלץ וואס ווייזט, ווי „אומפּארטייאיש" דער פּראָצעס איז געפיהרט געווארען געגען סאקא און וואנזעטי. עס זיינען דאַ נאָך א סך פאקטען וואס ווייזען קלאָר און דייטליך, אז וואָלטען די צוויי אָנגעקלאָגטע געווען אמעריקאנער, און ניט קיין איטאַליענער, און נאָך ראדיקאַלען דערצו, וואָלטען זיי קיין מאָל ניט געפונען געווארען שולדיג אויף דעם עדות־זאגען פון אזעלכע פארזאָנען, און אויף די באווייזען וואס די אָנקלאגע האט צוגעשטעלט אין געריכט. די פאקטען צייגען, אז גע'משפט האט מען סאקא און וואנזעטי פאר מאָרד, און פאראורטיילט האט מען זיי, אלס ראדיקאַלען!

מיר וועלען עס אָנווייזען אין א צווייטען ארטיקעל.

יע זומער, ניט זומער

(פעליעטאָן)

פון לעבעדיגען

זאָגט צו מיר א איד, פון יענע וועלכע זיינען גרייט צו פארפיהרען א שמועס אויף יעדער טעמע:

— נו, וואס זאָגט איהר אויף היינטיגען זומער? אמעריקע! מען גרייט זיך און מען גרייט זיך אויף זומער, און צום סוף ווען דער זומער קומט קומט ער מיט ווינטער!... ס'איז, באמת, קאַלט!... און גלויבט איהר, אז ס'איז אמת, וואס איך האָב געלייענט, אז נעקסטען יאָהר וועט שוין גאָר קיין זומער ניט זיין, טאַקע גאָר נאָר ניט? אָט ווי איהר זעהט מיך א אידען, וואָלט עס מיך ניט געארט. ווייל אין אמת'ן וואס האט א „נאַש־בראַט" פון זומער? — צרות האט ער! ס'קומט דער זומער הויבט דאס ווייב אָן נודיען מיט „קאַונטרי". פאָהרען אהער, פאָהרען אהין... אין די בערג, צום ים. און בערג זיינען דאַ א סך. ס'פעהלען דען בערג אין אמעריקא?... און מיין ארבייט איז, איך האַלט אין איין שרייבען בריף צו די פארמערס און אָנפרעגען... ווייל אזוי ווייל מיין ווייב... ווייל מיין ווייב איז ניט פון יענע ווייבער, וועלכע הויבען זיך אויף און פאָהרען! — זי מוז אפּריהער וויסען גענוי, וואס און ווען: צו ניט מען גוט עסען? צו איז די רום א „רום"? און צו איז דאַ א טייך צום באָדען זיך... ביי מיין ווייב איז א טייך דער עיקר. זי וועט אייך דערטרינקען דעם מאַן מיט זאָקען און שיך, צוליב א טייך... און דאס זעלבע איז מיט'ן ים... דער ים איז טאַקע אומרום דער זעלבער, אבער די ברעגען זיינען ניט די זעלבע... עס זיינען דאַ פארשידענע „ביטשעס" אויף דער וועלט. און אויף א „ביטש" קאָן מען אויך נעהמען אויף פארשיידענע אופנים: מען קאָן ווערען א „רומער", מען קאָן דינגען א הויז פאַר זיך, און פארדינגען צו באָרדערס, מען קאָן נעהמען א באנגעלאָ... מען קאָן נעהמען א בוידים, א קעלער... מען קאָן אין אמעריקא אַלעס!

— הכלל, מיין פריינט, זומער איז דאַ ארבייט פאר א מאַן, ארבייט איבער'ן קאָפּ, און חוץ ווייב איז דאַ עסקים מיט קינדער: זיי געהען ארויס פון סקול, פריי, דארף מען זיי היטען פון „עקסידענטס"... דאס איז איין זאַך. און נאָכדעם געהט אוועק א סדרה אָפּעראציעס... וויבאַלד א קינד איז פריי דארף מען אויף איהם מאַכען אן אָפּעראציע... און וועלכע קינד איז דאס פאַלקאָם אין אמעריקא... „טאַנסילס" האָבען דאָך אַלע. און אנדערע דארף מען נעהמען צו אן אויגען ספּעציאַליסט... גלעזער... אמעריקא איז דאָך פארליבט אין גלעזער... און פאַרוואס זאָל א קינד ניט טראָגען קיין גלעזער? היינט וואו איז ציינער און ביינער?

— איהר פארשטעהט, זומער איז דאַ ארבייט, מען דארף זיך איבערקלייבען, „מופען"... און וואס טוט מען מיט די מעבעל? אָפּשטעלען זיי אדער פיהרען מיט זיך? און אויב דאס ווייב פאָהרט אין די בערג איז וואס זאָל טאָן דער מאַן? וואו טוט מען איהם אהין? ער מוז דאָך היגען אין שטאָט דארף ער דאָך האָבען א פּלאַץ, איז וואו זאָל ער מופען? צו פרעמדע צי צו אייגענע?... דאס ווייב וויל צו אייגענע, וועלען זיי אויף איהם אכטונג געבען, ער זאָל ניט אריין אין היזק... ניט אָנטאָן קיין שאָדען... און דער מאַן דוקא וויל צו פרעמדע... א צימער פאר זיך, קיינער זאָל איהם ניט קענען... ער וויל צוריק ווערען א בחור... איי ווי עס ווילט זיך ווערען צוריק א בחור! און פון די אַלע פארדרעהענישען קומען ארויס מחלוקת מיט'ן ווייב. עס טוט זיך, עס קאָכט זיך, ביז מען מופט אזוי צי אזוי... און דער זומער געהט איבער אין ערגערניש און קרענקעניש...

— ווינטער, זאָג איך אייך, איז גוט! מען זעצט זיך אוועק — זיצט מען!... דאס ווייב נודיעט ניט כאָטש וועגען קאַונטרים... אויב ס'איז ווארים אין הויז, זיצט מען און מען טרינקט טיי און מען לייענט א פּייפּער, ווען ניט, געהט מען אין טעאַטער... ווינטער געהען ארונטער אַלע פּראָגען: די קינדער געהען אין סקול און קומען פריה אהיים, מען דארף זיי ניט לויפען זוכען איבער די גאַסען... ווינטער, זאָג איך אייך, איז א טייערע זאַך... דער עיקר, מען ווייס ניט פון „פּלעזשור" און „קאַונטרי", וועלכע מען קרענקט אויס... היינט וואו איז דאס פּערשפּאָרען צו גיסען זיך מיט די אַלע וואַסער'ן און פּאַסקודסטוועס?... ס'איז אויך עפּעס! ווינטער שוויצט מען ניט. ווינטער דורשט ניט. סיידען מען עסט הערינג. נו, איז עסט מען ניט קיין הערינג!...

— איך זאָג אייך, איך וואָלט געוואָלט אז עס זאָל זיין אמת, אז איבער א יאָהר וועט ניט זיין קיין זומער. טאַקע גאָר גאָר ניט! איך וואָלט געווען א רוהיגער מענש, טאַקע איינגעשפּאָרט געלט אויך. ווייל דער זומער עסט אויף א סך. עס איז

(שלוס אויף זייט 11)

GERECHTIGKEIT

A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VIII. No. 26. New York, Friday, June 25, 1926

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

די פארזאמלונג אין מעדיסאן סקווער גארדען.

דער קומענדער דינסטאג וועט זיין א היסטארישער טאג אין דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק. יענעם טאג, פיר אזייגער נאכמיטאג, וועלען די צעהנדליגער טויזענדע קלאוק־מאכער זיך פארזאמלען אין דעם גרויסען אודיטאריום פון מעדיסאן סקווער גארדען אויסצוהערען א באריכט פון זייערע פיהרער, אין באצוג די לעצטע ענטוויקלונגען אין דעם טרייד. זיי וועלען אויסהערען א באריכט, ווי עס האלט מיט די פארהאנדלונגען צווישען דער יוניאן און די ארגאניזירטע קלאוק מאנופעקטשורערס, וועגען באנייען דעם טרייד אגרימענט אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע פון ניו יארק. און דארטען וועלען זיי אויך באשליסען, וואס עס זאל ווייטער געטאן ווערען.

יענער טאג וועט זיין א באשטימונגס טאג, פאר די קלאוקמאכער פון ניו יארק. די שטימע פון די צעהנדליגער טויזענדע קלאוקמאכער, וואס וועלען זיין פארזאמעלט אין דעם מעדיסאן סקווער גארדען, וועט באשטימען, וועלכער מאנדאט עס זאל געגעבען ווערען צו דער פיהרערשאפט ווייטער אנצוגעהן אין די אונטערהאנדלונגען מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס און די דזשאבבערס.

* * *

אין דעם איצטיגען מאמענט איז כמעט ווי זיכער, דאס א גענעראל־סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק איז אומפארמיידליך. נאך מיט צוויי חדשים צוריק האבען ביידע, די דזשאבבערס און די מאנופעקטשורערס, באקאנט געמאכט, אז זיי וועלען ניט נאכגעבען קיין שום פאדערונג פון די ארבייטער, וואס וויל אויף זיי „ארויפלייגען א גרעסערען יאך אויף אירגענד וועלכען אופן".

מיר האבען שוין פריהער ניט איינמאל אנגעוויזען אין אונזער צייטונג אויף די פראפאגאנדע וואס די פיהרער פון די דזשאבבערס און מאנופעקטשורערס האבען אנגעפיהרט טעגליך אין דער טרייד־פרעסע. וואכען־לאנג, נאך איידער דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט ארויסגעגעבען דעם לעצטען רעפארט מיט איהרע רעקאמענדאציעס, האבען די פיהרער פון די באלעבאטים געהאלטען אין איין מאכען „סטייטמענטס", דאס זיי וועלען זיך אבסאלוט אנטזאגען אנצונעהמען אירגענד וואס, וואס וועט נאכגעגעבען ווערען די ארבייטער; דאס זיי וועלען קיין זאך ניט נאכגעבען, וואס וועט זיין גינסטיג פאר די ארבייטער, און וואס וועט באשרענקען „דאס הייליגע רעכט פון דעם באלעבאס."

די דאזיגע סטייטמענטס פון די באלעבאטים ווייזען גאנץ קלאר, וואס זיי דענקען וועגען די פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט פאר די ארבייטער. דאס איז אן ארויספאדערונג צו א קריג! מען האט עס געקאנט זעהן באלד ווי זיי האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבען יענע סטייטמענטס. און די יוניאן האט גענומען מאביליזירען איהרע כחות און זיך צוגרייטען פאר דעם קריג. און היינט, ערב דאס אויסגעהן פון די אגרימענטס אין טרייד, איז זי שוין פיקס און פארטיג צום קריג, צו פארטיידיגען איהרע מיטגלידער און באקומען פאר זיי די פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט.

* * *

מיט א וואך צוריק, ווען די יוניאן האט איינגעלאדען די אסאסיאיישאנס פון די באלעבאטים צו א קאנפערענץ, אום אנצופאנגען אונטערהאנדלונגען צו באנייען די קאלעקטיוו אגרימענטס אין טרייד, זיינען די „אינסייד" מאנופעקטשורערס, דורך זייער „אינדאסטריעל קאונסיל", געוועזן די ערשטע אנצונעמען די איינלאדונג. זיי האבען באלד געענטפערט, אז זיי זיינען גרייט צו געהן צו א קאנפערענץ. אבער ווען די פארשטעהער פון דער יוניאן האבען אויף דער קאנפערענץ פארלאנגט מען זאל אויפנעהמען די פאדערונגען וואס די יוניאן האט אויסגעארבייט, האבען די זעלבינע הערען דערקלערט, אז זיי וועלען נישט אויפנעמען קיינע פונקטען אויסער די וואס דעם גאווערנאר'ס קאמישאן שרייבט פאר אין איהר רעפארט. נאכדעם ווי זיי האבען פריהער קאטעגאריש ערקלערט, אז זיי וועלען נישט אננעהמען קיין שום זאך, אויב די קאמישאן וועט עפעס נאכגעבען די ארבייטער, האבען זיי איצטער ערקלערט, אז זיי וועלען באטראכטען נאר דאס, וואס די קאמישאן האט רעקאמענדירט נאכצוגעבען. און דער קאנפערענץ איז, נאטירליך, אפגעבראכען געווארען.

עס איז קלאר פאר אלעמען, דאס די יוניאן האט נישט אנגענומען דעם רעפארט פון דער קאמישאן, און דאס זי שטעלט ארויס צו די באלעבאטים די אריגינעלע פאדערונגען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען מיט העבער צוויי יאהר צוריק. די יוניאן איז איבערצייגט, דאס די שלעכטע צושטאנדען אין דער קלאוק אינדוסטריע קאנען נישט פארבעסערט ווערען, סיידען די פאדערונגען וועלען נאכגעגעבען ווערען.

דאס איז די שטעלונג פון דער יוניאן זייט די לעצטע פיר יאהר, און די „אינסייד" קלאוק מאנופעקטשורערס ווייסען דאס פונקט אזוי גוט ווי אלע מענשען וואס אינטערעסירען זיך מיט דעם וואס עס קומט דא פאר. די שטעלונג פון די פארשטעהער פון די מאנופעקטשורערס אויף דער קאנפערענץ, אז זיי וועלען ניט אויפנעהמען קיין פונקט פון דער יוניאנ'ס אינדוסטריעלען פראגראם, א חוץ די פונקטען וואס די קאמישאן רעקאמענדירט, קאן דעריבער ניט אנגענומען ווערען פאר עפעס אנדערש ווי נאר אלס א קריגס ערקלערונג צו דער יוניאן.

* * *

די דזשאבבערס, פון דער צווייטער זייט, שווייגען אין גאנצען. מען הערט פון זיי קיין דוך ניט! מען הערט פון זיי קיין פארע ניט, זינט דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט ארויסגעגעבען איהר רעפארט, און זיי האבען אויך זיך ניט געאיילט צו ענטפערען אויף דער יוניאנ'ס איינלאדונג צו א קאנפערענץ. זיי זוכען, הפנים, צו מאכען דעם איינדרוק, אז זיי זיינען גלייכגילטיג צו דער גאנצער געשיכטע. זיי זיינען גלייכגילטיג צו די פונדאמענטאלע איבלען און דעם כאאס וואס זיי האבען אריינגעבראכט אין דער קלאוק אינדוסטריע! זיי זיינען גלייכגילטיג צו דעם געשריי פון די ארבייטער וואס ליידען אזוי פיל, און ווילען נישט וויסען פון קיין זאך וואס ווערט פארגעשלאגען, אט די טרויעריגע לאגע צו פארבעסערען. זיי זיינען גלייכגילטיג צו דעם, וואס די סיסטעם פון פראדוקציע, וואס זיי האבען איינגעפיהרט, צושפליטערט די קלאוק אינדוסטריע און מאכט פון איהר א תל! זיי זיינען גלייכגילטיג, ווייל אט די סיסטעם פון פראדוקציע באצאלט זיך גאנץ גוט פאר זיי, און עס ארט זיי ניט, וואס עס רואינירט דאס לעבען פון די ארבייטער אין די קלאוק שעפער.

זיי, די דזשאבבערס, שווייגען. אפשר שווייגען זיי דערפאר, ווייל זיי ווייסען, אז זיי האבען גאר נישט וואס צו זאגען, וואס זאל גערעכטפערטיגען דעם כאאס און די אומפאראנטווארטליכקייט וואס זיי האבען אריינגעבראכט אין דער קלאוק אינדוסטריע? זיי זיינען גלייכגילטיג און זיי שווייגען, ווייל זיי ווייסען, אז זיי קאנען ניט פארטיידיגען זייער פאזיציע. און אפשר שווייגען זיי, ווייל זיי מיינען, אז אזוי נאך וועלען זיי זיך אויסבאהאלטען. זיי מיינען, אז פונקט ווי פריהער, זייענדיג שטילע באלעבאטים, איז זיי געלונגען אריינצוקריגען די פראדוקציע פון קלאוקס אונטער זייער קאנטראל, וועט זיי, דורך שווייגען, ווייטער געלינגען צו פארבלייבען אויף זייער פאזיציע אין דער גאנצער אינדוסטריע, ניט נעמענדיג אויף זיך קיינע פליכטען און קיין פאראנטווארטליכקייט פאר די ארבייטס־באדינגונגען און די ארבייטס־סטענדארדס אין דער קלאוק אינדוסטריע.

* * *

אבער די ארבייטער און זייער יוניאן קאנען ניט און וועלען ניט שווייגען! די ארבייטער קאנען ניט שווייגען, ווייל זיי, מעהר פון אלעמען אין דער קלאוק אינדוסטריע, ליידען שרעקליך פון דעם כאאס אין טרייד. ווייל זיי, מעהר פון אלעמען, ליידען פון דער צושפליטערונג פון די קלאוק־שעפער, פון דער גרויסער צאהל קליינע שאפקעס, וואס האלטען זיך אין איין פארמעהרען. ווייל זיי ליידען פון דעם וואס דער ארבייטס־סעזאן ווערט אלץ קירצער, דער פארדינסט ווערט אלץ קלענער און דאס לעבען ווערט אלץ שווערער און ביטערער! די ארבייטער קאנען ניט און וועלען ניט בלייבען שטיל. זיי מוזען אומבאדינגט באקומען א פארלייכטערונג און זיי זיינען אנטשלאסען דאס צו באקומען.

* * *

קומענדען דינסטאג נאכמיטאג וועלען די צעהנדליגער טויזענטער קלאוקמאכער זיך פארזאמלען אין מעדיסאן סקווער גארדען, און דארטען וועט אונטערגעצייגען ווערען דער סך־הכל. און עס איז קיין פראגע ניט, אז דארט וועלען זיי דערקלערען פאר דער וועלט, אז זייער געדולד האט געפלאצט; אז זיי וועלען זיין גרייט צו פארלאזען די שעפער אויף דעם רוף פון זייער יוניאן, אום איינצושטעלען אין דער אינדוסטריע בעסערע, מעהר מענשליכע, ארבייטס־באדינגונגען. און אט דער געשריי פון די ארבייטער פאר א באלדיגער פארלייכטערונג און פארבעסערונג, ווען פארוואנדעלט אין א טאט, וועט ברעכען די שטילקייט און גלייכגילטיגקייט פון די דזשאבבערס, די נייע מאגנאטען אין דער קלאוק אינדוסטריע, וועלכע האבען ביז יעצט זיך ארויסגעדרעהט פון דער פאראנטווארטליכקייט וואס זיי דארפען טראגען אויף זיך, דורך דעם וואס זיי באהאלטען זיך הינטער זייערע סאב־מאנופעקטשורערס. זיי וועלען דעמאלט אויסגעפינען, צו זייער איבערראשונג, אז צו איגנארירען די נויטיגע פאדערונגען פון די ארבייטער און דער יוניאן, איז א גאנץ טייערער ביסען, אז דאס באצאלט זיך ניט.

אונזערע ארעסטאנטען אין שיקאגא.

לעצטע וואך זיינען 44 פון אונזערע מיטגלידער אין שיקאגא, 38 פון זיי מיידלאך און פרויען, אוועק אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין, פון 10 ביז 60 טעג, א חוץ דעם וואס די קאורטס האבען אויף זיי ארויפגעלייגט שווערע געלט־שטראפען.

יענע ארבייטער זיינען פאראורטיילט געווארען נאך אין יאהר 1924, אויף דער קלאגע, אז זיי האבען פארלעצט אן אינדזשאנקשאן, וואס דזשאדזש סאליוואן, פון שיקאגא, האט ארויסגעגעבען געגען דער יוניאן אין דעם ביטערען דרעסמאכער סטרייק פון 1924.

אונזער אינטערנעשאנאל האט, פארשטעהט זיך, אפעלירט די קייס אין די העכערע געריכטען פון יענעם שטאט. זי האט אפעלירט געגען דעם ברוטאלען אורטייל פון דעם דאזיגען דזשאדזש סאליוואן, אבער עס האט ניט געהאלפען. דער אפיל איז פון העכערען געריכט צוריקגעוויזען געווארען, און די געוועזענע בראווע סטרייקער האבען געמוזט געהן אין פריזאן אפזיצען זייער טערמין. די „אינדזשאנקשאן־גערעכטיגקייט" האט טריאומפירט אין שיקאגא. די דרעס־סטרייקערס זיינען געשיקט געווארען אין פריזאן כדי חרטה צו האבען אויף זייערע „עבירות" און צו פארריכטען זייער „פעהלער".

* * *

איז עס אבער ווירקליך אזוי? לאמיר זעהן.

עס איז א פאקט, אז די אלע וואס זיינען אוועק אין פריזאן, צווישען זיי פרויען פון מענער און מוטערס פון קליינע קינדער, האבען ניט ארויסגעוויזען אפילו א סימן פון חרטה אויף זייער „זינד". די פאראורטיילטע פיקעטס פון געוועזענעם דרעס־סטרייק אין שיקאגא, זיינען אוועק אין פריזאן אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע און בעסטע קליידער, אין א דעמאנסטראציע פול מיט באגייסטערונג! עס איז געווען א פראטעסט־דעמאנסטראציע, און מען האט דארט ניט געזעהן אפילו א סימן פון חרטה. זיי זיינען געקומען צום פריזאן דעמאנסטראטיוו, ארומגערינגעלט פון הונדערטער שוועסטער און ברידער פון זייער יוניאן, וואס זיינען געקומען באגלייטען די „ארעסטאנטען" צום פריזאן און זיך געזעגענען מיט זיי אויף א הארציגען, ברידערליכען אופן. און די אלע „ארעסטאנטען" האבען ארייננמארשירט אין פריזאן מיט געהויבענע קעפ, מיט'ן באוואוסטזיין, אז זיי געהען אין פריזאן פאר דאס רעכט צו סטרייקען און פיקעטען, פאר דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט און צו העלפען ארגאניזירען אנדערע. מענשען וואס זיינען באהערשט פון אזא גייסט קאנען ניט באזיגט ווערען, אפילו ווען מען שיקט זיי אוועק פאר א טערמין אין פריזאן.

* * *

צווישען די „ארעסטאנטען" זיינען דא מוטערס, וואס האבען איבערגעלאזען קליינע קינדער אויף וועלכע זיי דארפען אויפפאסען און זיי דערנעהרען. אויך יונגע מיידלעך, וואס האלטען אויס זייערע אלטע און שוואכע עלטערען. צווישען זיי זיינען דא אזעלכע וואס זיינען שוואך אין געזונט. איינע פון זיי איז געקומען פון א סאניטאריום פאר קאנסאמפטיווס אין קאלאראדא. זי איז ספעציעל געקומען פון דארטען אפזיצען איהר טערמין, כדי די יוניאן זאל ניט דארפען פארלירען דעם באנד, וואס מען האט פאר איהר געגעבען, אז זי וועט קומען, ווען מען וועט איהר רופען. און קיינער פון זיי האט זיך ניט באקלאגט, און קיינער פון זיי האט ניט קיין חרטה געהאט! זיי זיינען געגאנגען אין פריזאן מוטיג און שטאלץ, מיט געהויבענע קעפ, אין דעם זעלבען גייסט, ווי זיי זיינען געגאנגען אויף דער פיקעט ליין אין צייט פון סטרייק, פארוואס זיי זיינען פאר'משפט געווארען.

* * *

אזא גייסט צווישען די ארבייטער קאן ניט פארניכטעט ווערען דורך קיין אינדזשאנקשאן וואס א דזשאדזש גיט ארויס צו דינען קאפיטאל. דיזע פרויען און מענער האבען פאר יאהרען לאנג געקעמפט און געליטען אויפצובויען א שטארקע יוניאן אין דרעס טרייד פון שיקאגא, צו באשיצען די ארבייטס־סטאנדארדס אין די שעפער, און זיי וועלען עס טאן אויך ווייטער, ניט אכטענדיג אויף קיינע פארפאלגונגען פון די באלעבאטים, די פאליציי און די דזשאדזשעס. זיי זיינען שוין אפילו געוואוינט געווארען אויסצושטעהן אויך די פארפאלגונגען פון די גענגסטערס און „גארילאס", וואס די אנטי־יוניאן דרעס מאנופעקטשורערס פון שיקאגא שיקען אן אויף זיי, ווי נאר עס ווערט גערופען א סטרייק.

* * *

יע, די „האלסייל"־פארפאלגונגען אין שיקאגא האבען פארפעהלט דעם ציל — קיין זאך האט זיי ניט אפגעשראקען ביז איצט און עס וועט זיי אויך ניט אפשרעקען ווייטער. יענע בראווע ארבייטער וועלען פון קאמף־פלאץ ניט אנטלויפען אונטער קיינע אומשטענדען! זיי וועלען ניט באזיגט ווערען דורך געלט־שטראפען וואס מען לייגט אויף זיי ארויף, און אפילו דורך א פריזאן־טערמין, וואס זיי מוזען געהן אפזיצען.

די אנטי יוניאן דרעס מאנופעקטשורערס פון שיקאגא, הערענדיג, אז די סטרייקערס וואס האבען אין יאהר 1924 געפיקעט זייערע שעפער, האבען ענדליך געמוזט געהן אין פריזאן — האבען זיך אוודאי געפרעהט. זיי האבען זיך אוודאי געפרעהט מיינענדיג, אז איצטער האבען זיי זיך אפגערעכענט מיט די עזות־דיגע ארבייטער, ווי עס באדארף צו זיין. זיי וועלען אבער גיך איינזעהן, אז זיי האבען געמאכט א טעות.

די דרעסמאכער פון שיקאגא שטעהען אין קאמף מיט זייערע באלעבאטים היינט צו טאג, פונקט ווי זיי זיינען געשטאנען מיט יאהרען פריהער און זיי, מיט דער הילף וואס זיי באקומען פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועלען דעם קאמף קיין מאל ניט אויפגעבען, ביז די דרעס־אינדוסטריע פון שיקאגא וועט זיין ארגאניזירט. צום טראץ פון די אלע שטערונגען וועלען די דרעסמאכער פון שיקאגא דאך אויפבויען א שטארקע יוניאן, וואס וועט קאנטראלירען דעם גאנצען טרייד, און די באלעבאטים וועלען מוזען איהר אנערקענען.

דער סטייטמענט פון דער יוניאָנ'ס פאָדערונגען

פאָרגעבראַכט פון מ. הילקוויט ביים קאָנפערענץ מיט'ן אינדאַסטריעל קאָונסיל.

אינדוסטריעל קאָונסיל פון די קלאָוק, סוט און סקירט מאַנופעקטשורערס פראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן.

הערען: —

צוויי יאָהר צוריק האָבען מיר פאָרגעלעגט פאַר אייך א פראָגראַם פון פאָרגעשלאָגענע פאָדערונגען פאַר די פאַרבעסערונג פון די ארבייטס קאָנדיציאָנען אין אונזער אינדוסטריע. מיר האָבען אייך דעמאָלט פאַרזיכערט, אַז אונזער פאָרגעשלאָגענער פראָגראַם איז דער רעזולטאַט פון א גרינדליכען שטודיום פון די קאָנדיציאָנען אין אונזער אינדוסטריע. אַז יעדער פאָרשלאָג וואָס מיר האָבען פאָרגעבראַכט, איז פאַרזיכטיג געוואויגען געוואָרען און אַז נאָך אונזער מיינונג, וועט קיין אַנדער מיטעל, חוץ דאָס פולע אָננעמען פון אונזער פראָגראַם, ניט פאַרבעסערען די קלעגליכע לאַגע פון אונזערע ארבייטער, די אונזיכערקייט מיט ארבייט, די לאַנגע פעריאָדען פון אַלגעמיינער אַרבייטסלאָזיגקייט, די נידעריגע פאַרדינסטען, דאָס פאַרשפרייטען פון דער וואַקסלדיגער קאָנטראַקטינג און סוב מאַנופעקטשורינג סיסטעם, און די באַלדיגע געפאַהר פון א צוריקקעהר צו דער שענדליכער סוועטינג סיסטעם פון אַמאָל.

אייער אַסאָסיאיישאָן האָט זיך אָנטזאָגט נאָכצוגעבען אונזער פאַרלאַנג. צו דער זעלבער צייט האָבען מיר פאָרגעלעגט אַן ענליכע רייהע פון פאַרלאַנגען צו די דזשאָבערס אַסאָסיאיישאָן וועלכע האָבען, פונקט ווי אייער אַסאָסיאיישאָן, גענומען א נעגאַטיווע שטעלונג צו אונזער פראָגראַם.

אין דעם סכסוך, וואָס איז אויף דעם אופן אַנטשטאַנען צווישען די בעלי בתים און די ארבייטער אין דער אינדוסטריע, האָט זיך אריינגעמישט דער גאָווערנאָר פון אונזער שטאַט און האָט באַשטימט א קאָמיסיע פון פינף מענער פון דער העכסטער רעפּוטאַציע און אומצווייפעלהאַפטער אויפריכטיגקייט, צום שטודירען אונזערע פּראָבלעמען און העלפען זיי לעזען דורך אומפּאַרטייאישער אורטיילס־קראַפט און ראַטה.

מיר האָבען איבערגעגעבען אונזער קייס צו דער קאָמיסיע, האָפענדיג צו קריגען דורך איהר א ווירקזאַמע פאַרלייכטערונג. איצטער, נאָך צוויי יאָהר פון געדולדיגען וואַרטען, געפינען מיר אונזער האָפענונג איננאַנצען ניט פאַרווירקליכט. די עטליכע קליינע קאָנצעסיעס, וואָס די בעלי בתים האָבען אונז נאָכגעגעבען אויפ'ן ראַטה פון דער קאָמיסיע, באַריהרען ניט דעם תוך פון דער פּראָבלעם. די פונדאַמענטאַלע איבלען אויף וועלכע מיר האָבען זיך באַקלאָגט, פאַרבלייבען ניט פאַרבעסערט.

די ענדגילטיגע רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע פּראָבירען געבען די אַרבייטער גערעכטיגקייט אויף צוויי וויכטיגע פּונקטען, דורכ'ן רעקאָמענדירען אַן אַראַנזשמענט, וועלכער וואָלט אַרויפגעלעגט א גרעסערען גראַד פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף די דזשאָבערס צו די סובמאַנופעקטשורערס וועלכע זיי באַשעפטיגען, און אין רעקאָמענדירען א העכערונג אויפ'ן ווייזדזש־סקייל. פון דער צווייטער זייט, וואָלטען די רעקאָמענדאַציעס פּראַקטיש אוועקגענומען פון די ארבייטער דעם איינציגען שוץ־מיטעל וואָס זיי האָבען ביז איצטער געהאַט, געגען טיראַנישע באַהאַנדלונג און פאָדערונגען פון די בעלי בתים.

דער וויכטיגסטער פאַרלאַנג פון די ארבייטער, דער פאַרלאַנג אַז עס זאָל זיי געגעבען ווערען א צייט פון באַשעפטיגונג יעהרליך וואָס זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו פאַרדינען אויף א לעבען, און פאַר מאָס רעגעלען צום סטאַביליזירען זייער ארבייט, איז אינגאַנצען איגנאָרירט געוואָרען. אונטערדרעסען ווערען די קאָנדיציאָנען פון די קלאָוק, סוט און סקירט־מאַכער וואָס ווייטער אַלץ ערגער. אין די לעצטע צוויי יאָהר זיינען די ארבייטס סעזאָנען אין אונזער אינדוסטריע מערקבאַר פאַרקירצט געוואָרען, די פאַרדינסטען פון די ארבייטער היבש פאַרקלענערט, און זייער עקזיסטענץ איז געוואָרען אומזיכערער און אומערטרעגליכער. דאָס ווערט באַשטעטיגט ניט נאָר דורך די פילזאָגענדע און אומווידערשפּרעכליכע ציפערען, וועלכע זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון דער אונטערזוכונגס ביוראָ אין אונזער אינדוסטריע, די ביוראָ וואָס איז עטאַבלירט געוואָרען אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דעם גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע, נאָר נאָך מעהר און וויכטיגער פון אַלע באַווייזע, דורך דער פּראַקטישער ערפאַהרונג פון די ארבייטער, און די אומשטענדען פון עקאָנאָמישע צרות אין וועלכע זיי געפינען זיך.

אויף אַזאַ'ן אופן זיינען מיר געצוואונגען זיך צוריקקעהרען צו די אָריגינעלע פאָדערונגען פון פאַר צוויי יאָהרען, אין דער פעסטער איבערצייגונג אַז די מאָסרעגלען וואָס מיר האָבען דעמאָלט פאָרמולירט שטעלען פאַר מיט זיך די איינציגע פּראָגראַם וואָס וועט מעגליך מאַכען פאַר די ארבייטער ערטרעגליכע לעבענס קאָנדיציאָנען און א גראַד פון אינדוסטריעלע גערעכטיגקייט.

געענדערט דורך די אַנטוויקלונג פון די לעצטע צוויי יאָהר, זיינען אונזערע איצטיגע פאָדערונגען דעריבער ווי פאָלגט:

1) מיר נעמען אָן אין פּרינציפּ די רעקאָמענדאַציעס פון דעם גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע, באַצוג די באַגרענעצונג פון סוב־מאַנופעקטשורערס מיט דער פאַרשטענדיגונג אַז באַשטימטע און ווירקזאַמע רעגולאַציעס וועלען אויסגעאַרבייט ווערען אויף דעם באַזיס פון די פּרינציפּען וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען פון דער קאָמיסיע.

2) די העכערונג אין שכירות וואָס איז רעקאָמענדירט געוואָרען פון דער קאָמיסיע זיינען, לויט אונזער מיינונג, ניט גענוג, לכל הפחות אין באַצוג צו עטליכע פאַכען. נאָך וויכטיגער איז דאָס וואָס זיי זיינען באַגרינדעט אויף א צוטיילונג אין פאַכען וועלכע זיינען היינט צו טאָג, ענטוועדער אָהן באַדייטונג, אָדער פאַרפיהרעריש אין מאַנכע פעלע. מיר שלאָגען דעריבער פאָר אַזאַ רעווידירונג פון דער קאָמיסיעס רעקאָמענדאַציעס, באַצוג די העכערונג אין שכירות, וועלכע זאָל נעמען אין אַכט די אומשטענדען און נויטען פון יעדען פאַך.

3) אַלע ארבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער אינדוסטריע זאָל גאַראַנטירט ווערען 36 פולע וואָכען באַשעפטיגונג אין יאָהר, אָדער דאָס באַצאָהלען זיי די באַשטימטע שכירות פאַר דער צייט. די גאַראַנטי זאָל פאַרזיכערט ווערען דורך דעם וואָס יעדער בעל הבית וועט איינלעגען וועכענטליך א געוויסע סומע געלט, פאַר וועלכע מען זאָל זיך צורעכענען ביים סוף פון דער גאַראַנטירטער צייט, ווען די געלט זאָל אָדער איבערגעגעבען ווערען צו די ארבייטער, אָדער צוריקגעקערט ווערען דעם מאַנופעקטשורער, ווי דער באַשטימטער פאַל וועט פאָדערען.

4) כדי נאָכמעהר צו פאַרקלענערען די צייט פון ארבייטסלאָזיגקייט און צוליב אַנדערע וויכטיגע אורזאַכען, פאַרלאַנגט די יוניאָן אַז די ארבייטס שטונדען זאָלען פאַרקלענערט ווערען, פון 44 שעה אויף 40 שעה א וואָך.

5) א געהעריגע מאַשינערי זאָל איינגעשטעלט ווערען צום אויסגעפינען איבערטרעטונגען פון דעם אַגרימענט צווישען דער יוניאָן און די בעלי בתים, דורך דעם וואָס די ביכער און רעקאָרדס פון די פאַבריקאַנטען זאָל אונטערזוכט ווערען דורך פאַרשטעהער פון דער יוניאָן און אַנדערע מעטאָדען, און פאַסיגע באַשטראָפונגען זאָלען באַשטימט ווערען פאַר אַזעלכע איבערטרעטונגען.

6) צוזעצענדיג צו די ענדגילטיגע רעקאָמענדאַציעס פון מאַי דעם 20סטען 1926, האָט דעם גאָווערנאָרס קאָמיסיע באַהויפּטעט אַז „די פראַגע אויב א באַשטימטער פאַך זאָל זיין יוניאָניזירט, איז הויפּטזאַכליך א פראַגע פ. יוניאָן פּאָליסי". דיזען שטאַנדפּונקט נעמט די יוניאָן, און אין אַנקלאַנג דערמיט, ערקלערט זי אַז די עקזאַמינערס און דעזיינערס אין דער אינדוסטריע זיינען יוניאָניזירט! אַז זייער אָרגאַניזאַציע איז א טייל פון דער יוניאָן, פּונקט ווי די אָרגאַניזאַציעס פון די אָפּערייטאָרס, קאַטערס, פּרעסערס און פינישערס, און אַז יעדער אַגרימענט וואָס וועט פון היינט אָן געמאַכט ווערען דורך דער יוניאָן מיט וועלכער עס איז אַסאָסיאיישאָן פון בעלי בתים אָדער איינציגע פאַבריקאַנטען, וועט איינשליסען די קלאַסען ארבייטער צו גלייך מיט אַלע אַנדערע פאַכען.

7) אַלס מיטעל נאָך מעהר צו סטאַביליזירען באַשעפטיגונג אין דער אינדוסטריע, און צום אויסגלייכען די געלעגנהייטען פאַר אַלע ארבייטער צו קריגען אין דורכשניט א געהעריגען חלק ארבייט, שלאָגט די יוניאָן פאָר צום עטאַבלירען אַן „עמפּלאָימענט אָפיס" אונטער דער אויפזיכט פון א מענעדזשער, וועלכער וועט ספּעציעל באַשטימט ווערען פאַר דעם צוועק. יעדער אַנשטעלען פון ארבייטער אויף פּלעצער זאָל געמאַכט ווערען דורך דער ביוראָ.

8) אין באַצוג צום געברויך פון ספּעציעלע מאַשינען פאַרלאַנגט די יוניאָן דאָס פאָלגענדע:

אין פאַל פון פינישערס, פאָדערט די יוניאָן אַז אויף אַלע בייסטינג, פעלינג און באַטאָן סאַאינג מאַשינען זאָלען באַשעפטיגט ווערען פינישערס. די מאַשינען זאָלען באַנוצט ווערען נאָר דאַן ווען אַלע פינישערס אין שאַפּ האָבען א פולע וואָך ארבייט, און אַלע פּלעצער וואו מען קען פינישערס אוועקזעצען זיינען פאַרנומען. ארבייטער וואָס באַטרייבען די מאַשינען זאָלען קריגען 15 דאָלאַר א וואָך איבער'ן מינימום סקייל, פון א האַנט פינישער. קיין מאַשינען זאָלען ניט באַנוצט ווערען אין א שאַפּ וואָס האָט ווייניגער ווי פינף פינישער. א פאַבריק וואָס באַטרייבט צוויי מאַשינען פאַר בייסטען און פעלען, מוז באַשעפטיגען ניט ווייניגער ווי 8 פינישערס, און א פאַבריק וואָס באַטרייבט 3 מאַשינען פאַר פעלינג, בייסטינג און באַטאָן סאַאינג, מוז באַשעפטיגען ניט ווייניגער ווי צעהן פינישערס.

אין באַצוג צו פּרעסערס, פאַרלאַנגט די יוניאָן אַז קיין פאַבריקאַנט זאָל ניט ערלויבט ווערען אריינצושטעלען קיין פּרעס מאַשין סיידען ער באַשעפטיגט 16 פּרעסערס, און קיין צוויי פּרעס מאַשינען זאָל ניט ערלויבט ווערען, סיידען אין שאַפּ ווערען באַשעפטיגט 26 פּרעסערס. און אַז דער מינימום ווייזדזש סקייל פון א מאַשין פּרעסער זאָל געניגענד געהעכערט ווערען צוליב די באַזונדערס שווערע און פּינקטליכע ארבייט וואָס איז פאַרבונדען מיט'ן ארבייטען אויף א פּרעס מאַשין.

9) די יוניאָן באַשטעהט אויף דער עטאַבלירטער פּאָליסי פון געגנערשאַפט צו די מוטווילינע אַנטזאָגונג פון ארבייטער אונטער אַלע אומשטענדען.

ענטפערס פון רעדאַקציע

אב. קאַרלין, מעמבער לאָקאַל 2. — אייער „מעלערעל מיט קענדי" קאָנען מיר ניט אונטערבראַנגען אונזערע לעזער, ווייל, ווי מיר האָבען שוין געענטפערט לעצטע וואָך ברודער צינקין, איז איצט מעהר ניט די פראַגע צו דעם גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט גענוג אָדער ווייניג. וועגען דעם דיסקוטירט מען מעהר ניט. איצטער, נאָך דעם ווי די יוניאָן האָט שוין באַשלאָסען אַז די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמישאָן קאָנען ניט אָנגענומען ווערען, איז גאַנץ איבעריג צו דרוקען אַרטיקלען, כדי צו באַווייזען, אַז מען דאַרף עס צוריקווייזען. די אַגיטאַציע איז מעהר ניט נויטיג.

ד. ז. סטאַר, מעמבער לאָקאַל 2. — אויך אייער בריף קאָנען מיר ניט פאַרעפענטליכען, מאַקע פאַר דערזעלבער אורזאַך. די יוניאָן האָט די רעקאָמענדאַציעס פון גאָווערנאָר'ס קאָמישאָן ניט אָנגענומען און ס'איז מעהר ניט נויטיג אייער עצה, אַז מען זאָל עס ניט אָננעהמען.

ש. וו. — אין אייער בריוועל צו אונז גיט איהר שוין אייגענטליך אַליין צו, אַז איהר האָט געהאַט א טעות מיט אייער אורטייל, אַז צוליב דעם וואָס איהר האָט אונז אויף עפּעס אויפמערקזאַם געמאַכט, זיינען מיר געוואָרען ברוגז אויף אייך. גראָדע פאַרקערט! מיר האָבען צו אייך, כאָטש מיר קאָנען אייך ניט פערזענליך, באַקומען א גרעסערע אַכטונג. מיר זיינען זעהר צופרידען, ווען איינער געהט זיך די מיה און זאָגט אַרויס א מיינונג וועגען די זאַכען וואָס ווערען געדרוקט אין אונזער צייטונג, גאַנץ אַגאַל אויב מען לויבט עס, אָדער מען קריטיקירט עס. דאָס טויטשווייגען פון אַלץ מיט אַנאַנדער איז א סך ערגער! הלואי וואָלטען די לעזער פון אַלע צייטונגען זיך גענומען די מיה צו שרייבען אין די רעדאַקציעס זייער מיינונג וועגען די זאַכען וואָס ווערען דאָרט געדרוקט וואָלט אפשר די גאַנצע פּרעסע געהאַט אַן אַנדער פּנים. ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, — מיט זייער מיינונג וואָלט מען זיך מוזען רעכענען. דאָס וואָס מיר האָבען אייך אָפּגעשיקט אייער קורצע, ווי איהר זאָגט, „שפּילעוודיגע, זומערדיגע זאַכעלאַך", איז עס מאַקע דערפאַר, ווייל פאַר אונזער צייטונג, לויט אונזער מיינונג, איז עס שוין אַביסעל צו זומערדיג און צו שפּילעוודיג. און איהר מאַכט א צווייטען טעות ווען איהר זאָגט, אַז מיר האָבען עס אייך אָפּגעשיקט „ניט געלייענט". דאָס קומט הפּכים דערפון וואָס איהר האָט א שטאַרקען גלויבען אין אייער אייגענע, שאַפענדע קראַפט, און איהר מיינט, אַז איהר זייט שוין געקומען צו דער מדרגה, אַז אַלץ וואָס אייער פען שאַפט, קאָן און דאַרף געדרוקט ווערען. אונז אָבער שיינט, אַז איהר האָט זיך עס איינגעשמועסט א קאַפּיטשקע צו פריה... יעדענפאַלס, דאַרפען מיר עס ניט פאַר אונזער צייטונג, און מיר האָבען עס אייך אָפּגעשיקט, אפשר וועט איהר געפינען א פּלאַץ דערפאַר אין א צווייטע שריפט. ליידער קאָנען מיר אייך ניט פאַרעפענטליכען אייער ליד. ניט דערפאַר ווייל עס איז ניט דרוקבאַר", נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבען א סך לידער, וועלכע מיר האָבען אָנגענומען פריהער פון אַנדערע, און יענע קומען פריהער. ווארום זאָלען מיר קריוודען יענע פּאָעטען צוליב אייך? מיר קאָנען אייך פאַרזיכערען, אַז אין דעם האָנאָראַר נויטיגען זיי זיך פּונקט אַזוי גוט ווי איהר. וועגען א דזשאָב אין דער יוניטי הויז, האָבען מיר גאָרניט מיט דעם צו טאָן. יעדענפאַלס שיינט אונז, אַז איצט איז שוין צו שפּעט. דאָך קאָנט איהר פּראָבירען זיך נאָכפרעגען ביי ברודער האַלפּערן, דער טשערמאַן פון די יוניטי הויז קאָמיטע, אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל.

א. — וועגען דעם וואָס איהר האָט אָנגעפרעגט קאָן איצט גאָר קיין רייד ניט זיין צוליב איינציגע טעמים, וועלכע מיר וועלען אייך ערקלערען, ווען מיר וועלען זיך טרעפען. מיר וואָלטען עס געוואָלט, אַזוי גוט ווי איהר, אָבער אונטער די איצטיגע אומשטענדען, קאָנען מיר עס ניט טאָן.

ווי לאַנג לעבט א מענש?

ס'ווענדט זיך וואָס'פאַר מענש, א מענש מיט שכל, צי א מענש אָהן שכל.

א מענש מיט שכל פאָהרט אין דער וואונדערשיינער יוניטי־הויז, אין פאָרעסט פּאַרק, און ער איז זיכער, אַז דאָס וועט פאַרלענגערען זיין אָדער איהר לעבען. און וואָס איז נאָך אַזוי טייער ביי מענשען, ווי דאָס לעבען? און איבערהויפּט נאָך, ווען אין דעם ארבייטער־טעמפּעל, די יוניטי־הויז, איז דאָס לעבען אַזוי זיס און אָנגענעהם. טראַכט ניט, פּאַקט איין דאָס טעשעל און פאָהרט!

אזא טייערער טאָג

פון א. ראַדוצקי.

אזא טייערער טאָג, אזא פראַכטפולער טאָג!
אין טיף קלאָהרען הימעל ווי א גאָלדענע וואָג
העגנט די זון, די ליכטיגע זון.
פילט יעדעס האַרץ מיט מונטערקייט אָן,
און מאַניעט און ציהט, אַהין וואו עס בליהט,
אַהין, דאָרט, אַהין וואו עס איז לופטיג און גרין,
וואו עס מורמעלט דער קוואַל, עס זשומעט די בין,
געניסען דעם טאָג, גאָט'ס טייערען טאָג.

אזא טייערער טאָג, אזא גאָלדענער טאָג!
און דו זיץ פאַרשפּאַרט און ארבייט און יאָג.
טרייב די מאַשין, אָהן טאַלק און אָהן זין.
פאַרשטיקט און פאַרשמאַכט, פון פריה ביז ביינאַכט,
דעם גאַנצינקען טאָג, אוי, דעם גאַנצינקען טאָג....

זעלבער קאַטעגאָריע, ווי די ארבייטער וואָס האָבען געאַרבייט אין באַשטימטע שעפּער, דאָס הייסט, אויב זיי האָבען ביינעטראָגען מעהר ווי זעקס מאָל צו דעם פאָנד דורך דעם סעזאָן, זיינען זיי באַרעכטיגט צו דערזעלבער מאָס פון אינשורענס.

אין די לעצטע אינשורענס צאָלונגען, זיינען די טשעקס אויסגעטיילט געוואָרען אין די שעפּער. דיזער וועג פון צאָלונגען אין די שעפּער האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין גאַנץ צופרידענשטעלענד און באַקוועם פאַר די ארבייטער. די ארבייטער וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שטענדיגע שעפּער זיינען אויסגעצאָלט געוואָרען אין דעם אָפיס פון דעם ארבייטס־לאָזען פאָנד. זיי האָט מען דורך בריף געלאָזט וויסען, ווען זיי זאָלען קומען פאַר זייערע טשעקס אום אויסצומיידען די אומבאַקוועמליכקייט צו שטעהן אין ליין און וואַרטען.

ווען די צאָלונגען פון די ארבייטס־לאָזען אינשורענס פאַר דעם ספּרינג סעזאָן וועלען זיך אָנהויבען, וועט מען די ארבייטער וואָס זיינען ניט פאַרבונדען מיט קיין שאַפּ לאָזען וויסען דורך בריף צי זיי זיינען באַרעכטיגט צו אינשורענס צי ניט, און אויב זיי זיינען באַרעכטיגט, און ווען זיי זאָלען קומען אין אָפיס פאַר זייערע טשעקס.

דער רעכטליכער שוץ פון די אַרבייטער אינטערעסען

פון דר. הערמאן פראנק

די פארמאלע גלייכהייט פון יעדען אמעריקאנער בירגער געגענאיבער די געזעצען איז נים מעהר ווי איינע פון די שעהנע פראזען מיט וועלכע מען קען פארדעקען די העסליכע זייטען פון אונזער ציווילזאציע. אבוואהל דער גלייכער געזעצליכער שוץ איז אויפ'ן פאפיר גאראנטירט פאר אלע קלאסען פון פאלק, איז אבער נאך א גאנץ לאנגער מהלך פון דיזען טעארעטישען פרינציפ ביז צו זיין פארווירקליכונג אין דעם אלטעגליכען לעבען. די איצטיגע סאציאלע און עקאנאמישע באדינגונגען שליסען כמעט אינגאנצען אויס יעדע מעגליכקייט פון א ווירקזאמער פארטיידיגונג פון די ארבייטער אינטערעסען אין די קאורטס. די געריכטליכע פראצעסען זיינען שטענדיג פארבונדען מיט גרויסע אויסגאבען און צייט-פארלוסט. שוין אויס דיזען גרונט זיינען די ארבייטער נים שטענדיג אימשטאנד אונטערצונעהמען א געריכטליכע אקציע, מעגען זיי אפילו האבען דאס פולע מאראליש און יורידישע רעכט אויף זייער זייט.

מען קאן אנווייזען אויף דריי הויפּטזעכליכע מניעות וואס שטערען געוואלדיג אין דער ארבייט פון דעם געריכטליכען אפאראט ווען ער דארף געשטעלט ווערען אין דינסט פון די הארעפּאשנע מאסען: 1) די פארצווייגטע פראצעדורע אין די קאורטס; 2) די אויסגאבען פון פראצעס; 3) דער האנאראר פון דעם לאיער, אהן וועמעס הילף דער אנקלעגער קען געוועהנליך נים האפען אויף אן ערפאלג.

לוים א סטאטיסטישער אונטערזוכונג פון דער אהייא אינדאסטריעל קאמישאן דויערט דורכשניטליך יעדער געריכטליכער פראצעס פאר דעם שאדען וואס דער קערפער און געזונט פון אן ארבייטער האבען געליטען ביי אן עקסידענט 2 יאהר און 5 מאנאטען. אלע אמעריקאנער קאורטס זיינען פארווארפען מיט טויזענטער קייסעס, און דער ארבייטס-מאן האלט זיך שוין צוליב דעם אליין אפּ פון צו זוכען גערעכטיגקייט אויף א געריכטליכען וועג. באזונדערס טרויעריג איז אין דיזער באציהונג די לאגע פון די אימיגראנטען, וועלכע וויסען כמעט גארנים פון די היגע לעגאלע פרינציפען און פארשטעהען נים די שפראך פון קאורט. אזעלכע פערזאנען, וואס פאלען אגב אפטער אלס אנדערע א קרבן פון אומגערעכטיגקייט און שווינדעל, מוזען אינגאנצען פארצווייפלען אין דער מעגליכקייט אויפצומאהנען דורך א קאורט וואס זיי קומט.

ניט ווענינער שטערענד זיינען אויך די אנדערע צוויי אומשטענדען — די געלט-אויסגאבען, וועלכע יעדער פראצעס מוז פאראורזאכען, און זיינע ארימע ווייַדזשעס קען דער ארבייטער געוועהנליך נים אפרייסען די געריכטס-קאסטען און דעם לאיער'ס האנאראר. עס בלייבט אלזא קיין אנדער ברירה נים ווי צו פארזעצען א חפץ פון שטוב און באצאהלען שווערע אינטערעסט, נים האבענדיג די זיכערהיים, אז ער וועט צום טערמין קענען אפצאהלען די הלואה און אויסקויפען דעם משכן. ביי אזעלכע באדינגונגען דארף אונז נים וואונדערען אז 20 מיליאן אמעריקאנער בירגער דאס מיינט 70 פראצענט פון אלע ארבייטער און אנגעשטעלטע האבען נים די געלט-מיטלען צו באצאהלען די לאיערס אויב עס זאל זיי אויסקומען צו געהן אין קאורט מיט זייערע קלעימס.

גאנץ אפט קענען אבער די ארבייטער אינטערעסען אנדערש נים פארטיידיגט ווערען ווי נאר דורך א פראצעס אין קאורט. עס איז, למשל, נים קיין זעלטענע ערשיינונג דאס דער באס זאגט אפּ אן ארבייטער און בלייבט איהם שולדיג ווייַדזשעס, וועלכע מען קען מיט גוטען בשום אופן נים אויפמאהנען. ווידער קומען טעגליך פאר שארפע סכסוכים צווישען די ארבייטער און די פריוואטע עמפלאימענט איידזשענסים, וועלכע נארען זיי אפּ אדער פארפיהרען זיי אויף א געמיינעם אופן. דורך דער איינפיהרונג פון די עקסידענט לייעבילימי געזעצען אין דעם גאנצען לאנד (מים דער אויסנאמע פון דיסטריקט אוו קאלאמביא, דאס הייסט די שטאדט וואשינגטאן), איז אפילו איצט זעהר באדייטענד פארקלענערט געווארען די צאהל פראצעסען מכח די קאמפּענסיישאן קלעימס. מען קען אבער אנווייזען צעהנדליגערליי אנדערע ציווילע און קרימינעלע קייסעס, ביי וועלכע דאס רעכט פון דעם ארימען בירגער ווערט געטראטען מיט די פיס, איינפאך צוליב זיין פאקטישער שוצלאזיגקייט. אין די אויגען פון דעם פארמעגליכען אונטערנעהמער איז דער ארימער ארבייטער הפקר. אלס רעזולטאט דערפון מוז פאלען די אויטאריטעט פון געזעץ, און עס וואקסט דערביי כסדר די צאהל פערזאנען וואס נעהמען דעם שוץ פון זייערע רעכט אין די איינענע הענט און קלייבען נים שטארק איבער די אנטי-געזעלשאפטליכע מיטלען צו דערגרייכען זייער ציעל.

ביי אזעלכע אומשטענדען איז יעדער פארטשריט אויף דעם וועג צו א בעסערען רעכטליכען שוץ פאר די ברייטע שיכטען אן אומגעהייער וויכטיגע פראגע אויך פון דעם ארבייטער שטאנדפונקט. דיזע פראבלעם ציהט איצטער, משמעות צוליב דעם קאמף נעגען דעם מבול פון פארברעכענס, א גרויסע אויפמערקזאמקייט צווישען די פּראַגרעסיווע לאיערס און סאציאלע רעפארמערס. זי ווערט אבער ליידער נאך נים ווי געהעריג אפּגעשאצט אין די רייהען פון די ארגאניזירטע ארבייטער. אין איינינע טיילען פון לאנד זיינען שוין אין דער לעצטער צייט איינגעפיהרם געווארען אין לעבען באדייטענספולע רעפארמען אויף דיזען געביט, וואס נעהען דירעקט אן די ארבייטער-אינטערעסען. אזוי, למשל, געפינען מיר איצטער אין 4 סטייטס (מאססאטשוזעטס, איידאהא, נעוואדא און קאליפארניא) באזונדערע קאורטס, די אזוי גערופענע „סמאל קלעימס קאורטס", אום צו סעטלען אויף א שנעלען און ווירקזאמען שטייגער אלע קלעימס, וועלכע שטייגען נים איבער 50 דאלאר. אין 4 איינצעלנע גרויסע שטעדט (פילאדעלפיא, קליוולאנד, סט. פאול און מינעאפאליס) איז אויך איינגעפיהרם געווארען דיזעלבע איינריכטונג און האט אומעטום די בעסטע רעזולטאטען. אפט פאסירט, אז א דזשאדזש אין אזא קאורט סעטעלט 100 קייסעס א טאג, ווירקענדיג אפט אלס בורר, וועלכער צווינגט ביידע צדדים דורכצוקומען מיט גוטען.

די וויכטיגע געזעצגעבונג וועגען אינדאסטריעל לייעבילימי (ווארקמענס קאמפענסיישאנס) האט איינגעפיהרט א באזונדער מין קאורט פאר די ארבייטער — די „אינדאסטריעל עקסידענט קאמישאנס", וועלכע ערלעדיגען היינט צו טאג 95 פראצענט פון אלע קלעימס. די טרייעלס קומען פאר שנעל און קאסטען נים קיין געלט די געליטענע ארבייטער אדער זייערע פאמיליעס. אין פאלען ווען די געליטענע פערזאנען שטעלען זיך דאך נים צופרידען מים אזא סעטעלמענט און ווילען אנקומען צו רעגולערע קאורטס, ווערען געוועהנליך אלע פאפירען צום קאורט אויסגעמאכט אין דער אינדאסטריעל עקסידענט קאמישאן גופא. דעמאלט איז אבער נויטיג דער ארבייטער זאל האבען אין קאורט די הילף פון א לאיער און זאל נים פאלען א קרבן פון אומפאראנטווארטליכע פערזאנען. עס מוזען געשאפען ווערען באזונדערע מיטלען, ווי צו פארטיידיגען אין אזא פאל די ארבייטער אינטערעסען. דאס איז א פראגע וועגען וועלכער מען ארביים איצטער אויס פלענער אין די פאראינטערעסירטע קרייזען — די „אינטערנעשאנאל אסאסיאיישאן אוו אינדאסטריעל עקסידענט באארדס ענד קאמישאנס" צוזאמען, מים דער נאציאנאלער אסאסיאיישאן פאר רעכטליכע הילף (ליגעל עיד ארגאניזיישאנס).

וואס עס איז שייך צו ווידזש קלעימס, איז היינט צו טאג דער צושטאנד בדרך הכלל א גאנץ קלעגליכער. אין דעם גרעסטען טייל פון לאנד פיהלט זיך א דרינגענדע נויט איינצופיהרען אין לעבען ווירקזאמע מיטלען, ווי אזוי די ארבייטער זאלען זיכער זיין מים זייער לוין אין דער געהעריגער צייט. דאס קען אבער נאר דאן געשעהן, ווען די לייבאר קאמישאנערס פון דעם סטייט זאלען האבען די פולע קראפט צו באשיצען אהן א געריכטליכען טרייעל די גערעכטע ארבייטער פאדערונגען. דערווייל האבען אבער נאר עטליכע סטייטס בפירוש געגעבען אזא רעכט צו זייערע פאראנטווארטליכע בעאמטע, וואס זיינען בארופען אויפצופאסען איבער דער אויספיהרונג פון די פאבריק געזעצען. דאס איז נעמליך געשעהן אין די פאלגענדע 6 סטייטס: מאססאטשוזעטס, נעוואדא, יוטאה, וויאמינג, וואשינגטאן און קאליפארני. פון דיזע 6 סטייטס געפינט מען אבער בלויז אין מאססאטשוזעטס א גאנץ צופרידענשטעלענדע לייזונג פון דער פראגע. דארט איז דורך א באזונדער פאבריק-געזעץ יעדער אונטערנעמער געמאכט געווארען פאראנטווארטליך צו צאהלען די ווייַדזשעס פינקטליך אלע וואך. ווען א באס צאהלט נים אפּ אין דער געהעריגער צייט די פולע ווידזשעס, באנעהט ער לוים דיזען געזעץ א קרימינאל פארברעכען. די שטרענגע אויפזיכט איבער דעם געזעץ ליגט אין די הענט פון באזונדערע סטייט בעאמטע אונטער דעם קאנטראל פון דעפּארטמענט אוו לייבאר ענד אינדאסטריעס. אזא געזעץ דארף דינען אלס א גוטער מאדעל פאר אלע איבעריגע 47 סטייטס פון לאנד.

ווי גרויס די וויכטיגקייט פון דיזע לעגאלע מיטלען זאל נים זיין, וואלט אבער דאך אונמעגליך געווען זיך פארצושטעלען כאטש א שטיקעל אויסזיכט פאר דעם ארבייטסמאן צו זוכען מיט נוצען זיין רעכט אין די קאורטס, ווען עס וואלט נים עקזיסטירט א באזונדערע האלב-פילאנטראפישע הילפס ארגאניזאציע אויף דיזען געביט. דאס זיינען נעמליך די „ליגעל עיד" איידזשענסים, דאס מיינט ארגאניזאציעס צו געבען רעכטליכע הילף פאר דער ארימער באפעלקערונג. די עלטסטע פון דיזע וואוילטעטיגע איינריכטונגען איז געשאפען געווארען מים א יאהר 50 צוריק אין ניו יארק. זייער צאהל איז שטארק פארגרעסערט געווארען ערשט אין די לעצטע 20 יאהר און איצט געפינט מען זיי שוין כמעט אין יעדען סטייט. די אויפגאבע פון אזא איידזשענסי איז צו געבען דורך ראט און טאט יורידישע (לעגאלע) הילף די נויטבאדערפטיגע מאסען. זיי ווערען אויסגעהאלטען דורך דער פראפעשאן — די לאיערס און זייערע ארגאניזאציעס, די „באר אסאסיאיישאנס", מיט דער הילף, אין מאנכע פאלען, פון די וואהלטעטיגע אינסטיטושאנס פון שטאדט. פאר אימיגראנטען זיינען אין די גרויסע שטעדט פאראן באזונדערע „ליגעל עיד" אפיסעס, וועלכע ווערען אויסגעהאלטען דורך די טשאריטי ארגאניזיישאנס, וועלכע באשיצען די אימיגראנטען מאסען. פאר דער אידישער באפעלקערונג קומען אין באטראכט צוויי-דריי אזעלכע איינריכטונגען, וואס פיהרען אויס זייער ארביים נאר הויפטזעכליך אין צוויי פונקטען פון לאנד. דאס זיינען 1) די ליגעל עיד ביורא פון דער „עדיוקיישאנעל אליינס" אין ניו יארק, און 2) דער ליגעל עיד אפיס פון די „דזשואיש סאשעל סערוויס ביורא" אין שיקאגא. אויף צו סעטלען אלערליי פאמיליע סכסוכים אין די ברייטע אידישע פאלקס-מאסען איבער'ן לאנד, איז באשאפען געווארען די „נעשאנעל דעזערשאן ביורא" מיט העדקווארטערס אין ניו יארק.

דיזע אלע פרייוויליגע און פילאנטראפישע (וואהלטעטיגע) איינריכטונגען גיבען יעהרליך הילף צו צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער און העלפען גוט-מאכען עולות וועלכע וואלטען אהן זיי פארבליבען אונבאשטראפט. דאס איז אבער אין בעסטען פאל א האלבער מיטעל, וועלכער גיט די ארבייטער צדקה דארט, וואו זיי קענען ערווארטען דאס פולע רעכט. די אמת'ע לייזונג פון דער פּראַגע וואלט זיין צו שאפען באזונדערע אפטיילונגען פון די לייבאר דעפּארטמענטס צו געבען רעכטליכע הילף די ארבייטער-מאסען. אויסער דעם דארף געשאפען ווערען א באזונדער פארטיידיגונגס אמט אין דער דזשודישערי (געריכטליכען אפאראט) פון דעם סטייט און די שטעדט, וואס זאל הייסען א שטייגער „פאבליק דעפענדענט" און זאל זיך אננעמען פאר דער פארטיידיגונג פון די ארימע מאסען, ווען זיי מוזען זיך שטעלען אין די קאורטס אלס באשולדיגטע אין קרימינעלע פארברעכענס.

אהן דער ווירקזאמער פארטיידיגונג פון די ציווילע רעכטע אין די קאורטס, גלייך פאר אלע קלאסען פון פאלק, וועט דער אויטאריטעט פון געזעץ קיינמאל נים קענען זיין הויך. די גאנצע געזעלשאפט איז אלזא פאראינטערעסירט אז ענדליך זאלען די ארבייטער מאסען באקומען די אפיציעלע גערעכטיגקייט אין דער זעלבער מאס ווי די פארמעגליכע קלאסען.

צאָלונגען פון אַרבייטסלאָזען אינשורענס פאַר דעם ספרינג סעזאָן

פון מאָריס קאָלטשין

2.

די רולס פאַר ארבייטער וואס האָבען נים קיין שטענדיגע פלעצער

די וועכענטליכע רעפּארטען פון די שעפער, וועלכע ווערען אריינגעשיקט צו דעם אפיס פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, זיינען קאפּיעס פון די פעי-ראָלס פון שאפּ. זיי ציינען די לענג פון דער צייט וואס א געוויסער ארבייטער איז געווען באשעפטיגט און זיין פארדינסט. דיזע אינפארמאציע ווערט אריינגעטראגען אויף דעם רעכענונג פון יעדען ארבייטער באזונדער. עס ווערט אויסגערעכענט וויפיל ער איז געווען באשעפטיגט, און די סומע פון זיין אינשורענס ווערט באשטימט לוים די רולס ווי עס איז אין פריערן ארטיקעל באשריבען געווארען.

ניט אלע ארבייטער האבען אבער דורכ'ן סעזאן געארבייט רעגולאר אין שעפער. עס זיינען דא ארבייטער, וועלכע האבען, צוליב איין אורזאכע אדער א צווייטער, אין פארלויף פון לעצטען סעזאן נים געקאנט געפינען קיין רעגולען דזשאב, אדער באשעפטיגונג. אדער זיי האבען גאר אין גאנצען נים געארבייט, אדער זיי זיינען נים געווען פארבונדען מיט א געוויסען שאפּ. לוים די רולס, וואס די באארד אוו טראסטים פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד האט באשטימט, מוזען די ארבייטער בייטראגען צום פאנד אום זיי זאלען זיין בארעכטיגט צו די ארבייטסלאזע אינשורענס, אבער דיזע ארבייטער, אויב זיי האבען נים געארבייט, האבען דאך נים געקענט מאכען קיינע בייטראגען צום פאנד. אזוי, אז כאטש טעכניש זיינען זיי נים בארעכטיגט צו קיין ארבייטסלאזען אינשורענס, זיינען זיי אבער ארבייטער פון דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען געווען ווענינער מזל'דיג ווי די אנדערע. דערפאר איז באשלאסען געווארען, אז אזעלכע ארביטער זאלען אויך זיין בארעכטיגט צו אינשורענס, אויב זיי האבען זיך דורכ'ן סעזאן וועכענטליך רעגיסטרירט אין דעם אפיס פון דעם פאנד. דיזע רעדזשיסטריישאן איז א געוויסער צייכען, אז דער ארבייטער איז געווען נים באשעפטיגט און אויך, אז ער האט געמאכט פרובען צו קריגען באשעפטיגונג.

נאטירליך, אז אן ארבייטער וועלכער איז געווען אין גאנצען אומבאשעפטיגט און האט גארניט בייגעטראגען צו דעם פאנד קען נים ערווארטען אז ער זאל באקומען דעם פולען בענעפיט, ווי אן ארבייטער, וואס האט געארבייט אין א שאפּ און האט בייגעטראגען צו דעם פאנד אין דער צייט וואס ער האט געארבייט. די ארבייטער וואס זיינען אין גאנצען נים געווען באשאפטיגט און האבען זיך דורכ'ן סעזאן רעגיסטרירט מיט דעם אפיס פון פאנד וועלען באקומען א העלפט פון דער רעגולערער סומע פון אינשורענס וואס ווערט געצאלט צו די ארבייטער אין די שעפער.

עס דארף פארשטאנען ווערען, אז נים יעדער ארבייטער, וועלכער איז געווען אינגאנצען אהן באשעפטיגונג, כאטש ער האט זיך רעדזשיסטרירט מיט'ן אפיס פון פאנד, איז בארעכטיגט צו אינשורענס. עס זיינען דא ארבייטער, וועלכע האבען שוין נים געארבייט ביי זייער „טרעיד" פאר עטליכע סעזאנען. אזעלכע ארבייטער, כאטש זיי זיינען רעדזשיסטרירט, קאנען זיך נים רעכענען אלס ארבייטער פון דער אינדוסטריע און מען קאן דערפאר נים ערווארטען, אז זיי זאלען באקומען וועלכע נים איז אינשורענס.

א מאן, וואס האט נים געארבייט ביי זיין טרעיד פאר צוויי סעזאנען נאכאנאנד ווערט גיט גערעכענט אלס איינער, וואס איז פארבונדען מים דער אינדוסטריע, ווייל עס איז דאך קלאר אז ער איז נים אפּהענגיג פון דער אינדוסטריע מים זיין לעבענס אויסקומעניש. אין אנדערע ווערטער, א מאן, וואס האט נים געקאנט קריגען קיין דזשאב דורך דעם ספרינג סעזאן איז בארעכטיגט צו אינשורענס. אבער איינער וואס האט נים געארבייט, נים אין דעם ספרינג סעזאן און אויך נים אין דעם פארינען סעזאן קאן נים האבען קיין בארעכטיגטע טענה צו אינשורענס.

דיזעלבע רולס וואס ווערען אנגעווענדעט צו די וואס זיינען אינגאנצען נים געווען באשעפטיגט, נעהמט אויך אויף ארבייטער, וועלכע זיינען נים געווען פארבונדען מיט א געוויסען שאפּ, כאטש זיי האבען געמאכט „דזשאבס" אין איינעם אדער מעהר שעפער. אזוי ווי די ארביטער וואס זיינען געווען אינגאנצען אונבאשעפטיגט האבען זיי זיך אויך געדארפט רעדזשיסטרירען יעדע וואך. דער אונטערשיד איז בלויז אין דעם, אז אין דער צייט וואס זיי האבען געארבייט אויף די צייטווייליגע דזשאבס האבען זיי יע בייגעטראגען צו דעם פארזיכערונג-פאנד. דערפאר זיינען זיי אין דער

שניידער און ווינער — 575 אכטע עוו.
שניפער בראס. — 61 דיוויזשאן סט.
ס. שלאס — 296 איסט 3טע סט.
פראנק שווארץ — 163 וו. 25טע סט.
שווארץ און לעווענדארף 8-14 וו. 30טע סט.
שער ון דיימאנדשטיין — 36 וו. 25טע סט.
י. שעדלינגער — 12 וו. 27טע סט.
בענדזשאמין סטוירן — 127 וו. 25טע סט.
שווארצבערג און שווארץ — 53 וו. 29טע סט.
שווינגער בראס. — 15 וו. 24טע סט.
סעליגמאן און קאץ — 144 וו. 27טע סט.
ס. זעמעלמאן — 29 וו. 17טע סט.
שוסטער און גאלדבערג — 152 וו. 27טע סט.
סיגעלאוב און סיקיאנער — 32 וו. 20טע סט.
סיימאן און גאראבין — 11 וו. 17טע סט.
סמיט און אראנזאן — 327 וו. 36טע סט.
כפארטי קלאוק קא. — 138 וו. 17טע סט.
א. זוסמאן — 127 וו. 33טע סט.
טריפלעקס קא. — 153 וו. 19טע סט.
וו. ל. ג. מאנופעקטשורינג קא. — 771 בראדוויי
וואנק און סאלאמאן — 108 וו. 25טע סט.
וואקסמאן און קליין — 32 וו. 31טע סט.
וועבשער און קאץ — 305 קריסטאפער סט., ברוקלין.
וויינבאום און שילער — 240 וו. 35טע סט.
וויסלער בראס. — 129 וו. 21טע סט.
ווערניק און לעווין — 12 וו. 27טע סט.
וועקסלער בראס. — 104 וו. 27טע סט.
וויענער און זייפערט — 37 וו. 20טע סט.
ווילק און ראזענבאאה — 252 וו. 37טע סט.
ווירט קלאוק האוז — 3 וו. 14טע סט.
א. יאדים — 270 וו. 38טע סט.
זעלענקא און מאסקאוויץ — 498 זיבעטע עוו.
זעבים און געלער — 22 קעטהרין סט.
ה. צימערמאן — 120 וו. 31טע סט.
ל. צימערמאן — 10 וו. 29טע סט.
מאקס צוקער — 242 וו. 38טע סט.

רעזאלוציע פאר די פאריערס.

מיר, די מעמבערס פון לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י., פארזאמעלט ביי א ספעשעל סעקשאן מיטינג, אין מאנהעטען לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט, מאנטאג אווענט, 14טען דזשון, באגריסען הארציג די פאריערס מיט זייער זיג איבער זייערע באלעבאטים.

מיר דריקען אויך אוים אונזער באגייסטערונג פאר זייער העלדישען קאמף וואס זיי האבען געפיהרט אנטקעגען זייערע באלעבאטים ווי אויך אנטקעגען אלע זייערע שונאים. זייער הערואישער קאמף וועט דינען פאר א ביישפיל פאר אונזער יוניאן אין דעם קומענדיגען קאמף מיט אונזערע באלעבאטים, ווי אויך פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא און אייראפא.

בר. ברייניך, טשערמאן,
ז. פייערשטיין, סעק.

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס
302 BROADWAY, NEW YORK
Telephone: Worth 5623-5624

יע זומער, ניט זומער

(שלום פון זיים 7)

גאר קיין שיעור ניט וויפיל דער זומער קאסט אפ... און איז רעגן דאס ווערט א ווייבער קומען פון די קאונטרי אויסגעפאשעטע, ווי די בהמות, און זיי בריקען זיך... רק עס געפעהלט זיי ניט דער מאן... און דערצו ווערען זיי פויל אויך און ס'קומט ווינטער ווילען זיי ניט ארבייטען אין קיך... איך זאג אייך, ווינטער וואלט געווען א גליק... דער עיקר נאר אז עס זאל זיין ווארים אין הויז... איך זאג אייך, א גוטע ביסעלע „סטים" איז בעסער ווי די ווארימקייט פון דער זון... ווייל מיט דער זון איז צרות, מען קען זי ניט קאנטראלירען! אדער זי איז ניטא און דאן רעגענט, פליוכעט... אדער זי איז דא און זי ברענט און שרפה'ט... „סטים" קאן מען קאנטראלירען... א דרעה אפ — און ס'איז ווארעם! א דרעה צוריק — און ס'איז קעלטער אביסעל!... דער עיקר איז נאר קוילען... ווען ס'איז דא קוילען אין הויז איז שוין גוט... און קוילען קריגט מען... און ווייטער זאלען די לענדלארדס זארגען...

— הכלל, ווי דענקט איהר, זאל עס זיין טאקע אמת, אז נעקסטען זומער וועט קיין זומער ניט זיין? איך וואלט עס געוואלט, מיך וואלט עס ניט געארט...

פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט
פון 123 פינפטע עווענין, צו
321 פינפטע עוו.
ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאניטארי ווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און בעלוויעז. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע. אויך פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זייבען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני
321 פינפטע עוו., ניו יארק
טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.
קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

דרעסמאכער

מעמבערס פון לאק. 22 א. ל. ג. וו. י.

איהר זייט אויפגעפאדערט צו באזוכען אונזערע ברענטש-מיטינגען, וועלכע ווערען אפגעהאלטען יעדען ערשטען און דריטען דאנערשטאג אין מאנאט (דעם 1טען און 15טען יולי)

נעקסטער מיטינג - דאנערשטאג אוו., 1טען יולי

אום 8 אוהר אווענט — אין די פאלגענדע האלס:

דאון-טאון — מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.
בראנקס — מעקינלי סקווער גארדען, 1258 באסטאן ראוד.
הארלעם — לאורעל גארדען, 75 איסט 116טע סטריט.
בראנזוויל — לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.
ברוקלין — אפיס פון דער יוניאן, 105 מאנטראוז עווענין.
קוני איילענד — פיטיאן האל, 2864 וועסט 21טע סטריט.

יעדער מעמבער, וועלכער וועט ניט אטענדען אמווייניגסטען איין מיטינג דעם קווארטאל, וועט דארפען באצאהלען 1 דאלאר שטראף.

עקזעקוטיוו באארד דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22
דזשוליוס, פארטנאי, סעקרעטער.

פ. ס. — מעמבערס וועלכע פארלירען זייערע ביכלעך און וועלען פארלאנגען דופליקייטס וועלען דארפען באצאהלען 1 דאלאר.

גליקשטיינ'ס דעזיינינג סקול
265 גרענד סטריט, ניו יארק



בעט. קריסטי און פארסיט סטס.
טעל. ארטשארד
8842
סקול פאר דעזיינינג, קאטינג און



גריידינג אין אלע פאכען פון לוידיס, מענס, טשילדרענס און פאר גארמענטס. פעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.
די סקול איז אפען א גאנץ יאהר.

די אידישע אגרי-קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקינפטע וועגען פארמערי, און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בארעט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St. New York City

ווערט „אינדעפענדענט"

לערענט דעזיינינג און גריידינג פון מענס גארמענטס,
לוידיס טיילאר-מייד, דרעס-דעזיינינג,
פרענטש דרייפינג און פעטערן-מייקינג.
טויזענטער פון די וואס האבען זיך ביי אונז אויסגעלערענט פארדינען פון 3 טויזענט דאלאר ביז 10 טויזענט דאלאר א יאהר.

גרונבארג דעזיינינג סוירווים
122 פינפטע עוועניו. 52טער סעזאן ניו יארק סיטי
טעלעפאן, וואטקינס 5466.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערענט צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערריינכט
נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע וויידזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכט.
מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניע אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
אווענט-קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע דעמאנסטרייטשאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

הארלעם באנק אוו קאמערס

2118 צווייטע עוועניו קאר. 109טע סטריט ניו יארק

פ. מ. פעראַרי, פרעזידענט
פ. עקס מאנקוסא, טשערמאן אוו די באארד
ת. וו. הובארד, וויס-פרעזידענט
פ. פעראַרי, וויס-פרעזידענט
ת. לאזארוס, וויס-פרעזידענט
אנטאני דע פאאלא, קעשיער.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס
אויסגעצייכענטע סייפטי דעפאזיט וואולטס

פיארילא ת. לא גווארדיא, לאיער פון באנק.

קלאוק אפעריטארס

מעמבערס פון לאקאל 2 אויפמערקזאם!

צוליב דער דעמאנסטראציע פון די קלאוקמאכער אין מעדיסאן סקווער גארדען, קומענדיגען דינסטאג ביטאג, זיינען אפגעלייגט געווארען אונזערע רעגעלע סעקשאן מיטינגען, וואס האבען געדארפט פארקומען מאנטאג אווענט.

זאלען אלע מיטגלידער פון לאקאל 2 זיין אין מעדיסאן סקווער גארדען דינסטאג, 4 אזייגער נאכמיטאג.

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 2
י. סטענזאר, טשערמאן.
י. בארוכאוויטש, מענעדזשער-סעקרעטער.

פארלאנגט

אינטעליגענטע מענער און פרויען פאר העלפען קריגען
לעבענס פארזיכערונג פאליסים
א וואונדערבארע געלעגענהייט פאר די וועלכע ווילען זיך פארזארגען מיט א לעבענס איינקונפט.
פערזענליכע אינסטרוקציעס פערזענליכע אנווייזונגען
נאכפרעגען אין אפיס פון
ס. היימאן
225 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעל. עשלאנד 4414-4415.

דער אינשורענס פאנד פאנגט אן צאלען ארבייטסלאזען בענעפיט דעם מאנטאג

(שלוס פון זייט 1)

אמעריקאן קלאוק קא. — 34 ו. 17טע סט.
אריאן מאניפעק. קא. — 120 ו. 20טע סט.
אראנאוויץ סאנס און בארזין — 117 פרינס סטריט.
באבוס, ש. — 118 ו. 22טע סט.
באנקס און פארסט — 176 נ. 3טע סט. ברוקלין
בעלסקי און גרינבערג — 19 ו. 24טע סט.
בערגלעיו קלאוק קא. — 143 ו. 20טע סט.
סעמועל בלעקמאן — 83 ו. 118טע סט.
בלאך און לעווין — 117 דיוויזשאן סט.
בלומענטאל, פיליפ — 143 גרין סט., סיטי.
בערגער און קאלווער — 29 ו. 17טע סט.
בראדסקי, ב. — 97 דיוויזשאן סט.
בובמאן קלאוק קא. — 463 — 7טע עוועניו.
קאדילאק קלאוק קא. — 25 ו. 31טע סט.
חדש און צוין — 36 ו. 25טע סט.
קאהען בראס. — 142 ו. 26טע סט.
קאסמאפאליטען מייד — 16 א. 18טע סט.
דע לוקס קאוט קא. — 114 ו. 30טע סט.
דלוגאטש און ראזען — 28 ו. 27טע סט.
דאראס בראס. — 40 ו. 17טע סט.
דרוסין, ח. — 26 ו. 20טע סט.
איגעל קלאוק און סוט קא.—261 ו. 36טע סט.
אייזענמאן, דזש. — 209 ו. 26טע סט.
עמפייער קלאוק קא. — 422 א. 4טע סט., סיטי.
עטנא קלאוק קא. — 138 ו. 25טע סט.
עקספערט קלאוק און סוט קא. — 352 7טע עוו.
פעדער שער און קא. — 134 ו. 26טע סט.
פינקעלשטיין קא. — 43 ו. 17טע סט.
פינקעלשטיין און מארגאלים — 236 ו. 26טע סטריט.
פארמאסט קלאוק קא. — 280 ו. 38טע סט.
פריד און צוקער — 241 ו. 37טע סט.
פרידמאן און פאסטערנאק—135 ו. 27טע סט.
פונט קלאוק קא. — 252 ו. 29טע סט.
געלולא, ש. — 152 ו. 25טע סטריט.
גינסבערג און לעסער — 270 ו. 38טע סט.
גלעקעל י. א. — 484 6טע עוועניו.
גאלדבערג, ח. — 31 ו. 27טע סטריט.
גאלדבערג, מאריס — 66 דיוויזשאן סטריט.
גאלדבערג און ווינער — 143 ו. 29טע סט.
גוטקינד בראס. — 118 ו. 27טע סטריט.
גאבלאנסקי און פאל — 2 א. בראדוויי, סיטי.
גרענד מאדעל האוז — 13 עוועניו א.
גרינבערג און פרידמאן — 132 ו. 22טע סט.
גרינוואלד און ווילפאן — 208 ו. 27טע סט.
גראסמאן און פרידמאן — 36 ו. 20טע סט.
חענסאן און מאללין — 164 אטלאנטיק עוו. ברוקלין.
העלער און מיימאן — 248 ו. 23טע סט.
האפמאן דזשאזעף — 151 ו. 28טע סט.
הודסאן קלאוק און סוט — 130 ו. 17טע סט.
קאלמאנאוויטש, א. — 116 אסבארן סטריט, ברוקלין.
קאנאוויטש און קראניש — 41 ו. 25טע סט.
קלינגער בראס. — 16 א. 12טע סט.
קאכאף און ניכאלסאן — 25 ו. 23טע סט.
קרינסקי און לעסאף — 129 ו. 27טע סט.
לאגונא און מילער — 56 ו. 24טע סט.
לעהר, ש. — 575 8טע עוועניו.
לייטנער, דזש. — 268 7טע עוועניו.
לערנער בראס. — 215 ו. 40טע סט.
לעווין און שטייער — 58 איסט 11טע סט.
לעווים און קיסען — 208 ו. 27טע סט.
לודוויג, דזש. דזש. און קא. — 270 ו. 38טע סטריט.
מ. און ל. קאוט קא. — 32 ו. 20טע סט.
מלמד און פייגענבוים — 352 7טע עוועניו.
מענדעלבוים, ח. — 575 8טע עוועניו.
מעס און מילשטיין — 162 ו. 21טע סט.
מילער, גארפינקעל און קאפלאן — 215 ו. 20טע סטריט.
מינום סטייל גארמענט קא. — 42 א. 8טע סט.
מאדעל קלאוק קא. — 103 ו. 29טע סט.
מוריי, לואי — 83 דיוויזשאן סט.
ניומאן בראס. — 45 ו. 27טע סטריט.
אקין און בערגער — 46 א. בראדוויי.
אסטער און כיזעפסקי — 4־2 א. בראדוויי.
פיים, משאס. און בראס. — 2148 8טע עוועניו
פאסטאניק, ל. — 138 ו. 17טע סט.
פוירל און בראסס — 15 ו. 18טע סטריט.
פאלאק און סערלין — 104 ו. 30טע סט.
פאסנער און ראזענבערג — 265 ו. 37טע סט.
פראגרעסיוו קלאוק קא. — 12 ו. 18טע סט.
ראבינאוויטש, ש. 222 ו. 28טע סט.
ראי, סעם. — 67 א. 8טע סטריט.
ריבעקע קאוט קא. — 59 א. 9טע סטריט.
רייטער, מ. — 2316 8טע עוועניו.
רייכמאן, ח. — 159 ו. 25טע סטריט.
ראבוסטעלי און סיסענווין — 256 ו. 38טע סטריט.
ראמעא קלאוק קא. — 137 ו. 25טע סט.
ראזענטאל, ש. — 119 ו. 23טע סטריט.
ראיאל קלאוק און סוט קא.—145 ו. 30טע סט.
רובינסאן בראס. — 1610 סט. מארקס עוועניו, ברוקלין.
רובינשטיין און קארעש — 8־10 ו. 19טע סט.
רוטענבערג בראס. — 35 ו. 31טע סט.
זעלצמאן און עלמאן — 109 ו. 27טע סט.
סענדלער און סאקאל — 145 ו. 30טע סט.
שערל, ג. — 12 ו. 18טע סטריט.
שווארץ און קאליסאנטי — 571 8טע עוועניו.
שווארץ און שווארץ — 2230 8טע עוועניו.
שעווען און שמאלצוועד — 30 א. 9טע סט.
זיבערמאן, ס. — 25 ו. 32טע סטריט.
שפינער, מ. ל. — 25 דיוויזשאן סטריט.
שמאשי, ח. —129 ו. 22טע סטריט.

דינסטאג, 29טען דזשון

אדאראבעל מאדעל קא. — 575 8טע עוו., סיטי.
אלפא קלאוק קא. — 230 ו. 27טע סטריט.
ארבייטמאן און בלומענפעלד — 55 ו. 17טע סטריט.
ארלאנש, דזש. — 189 בליקער סט., סיטי.
אש און פאריז — 1944 3טע עוועניו.
ביידער, דזשאזעף — 146 ו. 29טע סטריט.
ביטא קאוט און דרעס קא. — 16 ו. 19טע סט.
בערמאן און דזשאפקאלאן — 214 ו. 39טע סט.
בערנשטיין און מארמארא — 19 ו. 21טע סט.
בלאק, איזידאר — 36 א. 9טע סטריט.
בלום, י. — 3623 3טע עוועניו.
באנקאפסקי בראס. און שטיין — 327 וועסט 36טע סטריט.
בראדאקס און שמאלאוויטש — 108 ו. 25טע סטריט.
ברונא קלאוק קא. — 112 א. 125טע סט.
בושוויק קלאוק קא. — 174 לארימער סט., ברוקלין.
קעשדען, י. — 146 ו. 23טע סטריט.
קאהען, לואיס — 1370 בראדוויי, סיטי.
קאהען און ליפשיטץ — 127 ו. 25טע סט.
די גיאקא און קאשטעלוסי — 133 ו. 14טע סטריט.
דינגענטאל און געלער — 34 ו. 27טע סטריט.
דארנפעסט און האראוויטץ — 144 ו. 27טע סטריט.
דרעסלער, פרידמאן און ביידער — 104 ו. 27טע סטריט.
דובאף און העלער — 130 ו. 24טע סט.
עף קלאוק און סוט קא. — 9 ו. 20טע סט.
אסטראף און דווארקין — 127 ו. 17טע סט.
עקסלוסיוו קלאוק קא. — 129 ו. 17טע סט.
פאהרער און פלוטצער — 3 ו. 27טע סט.
פעלדמאן און רייבלין — 263 גרין סט.
פינקעלשטיין קלאוק קא. — 251 ו. 36טע סט.
פישמאן און גאלדען — 174 בראדוויי, סיטי.
פלאוויא קאוט און סוט קא. — 208 ו. 30טע סטריט.
פארמאן בראס. — 158 ו. 26טע סטריט.
פרידמאן און האיעם — 28 ו. 27טע סט.
ל. פרומקעס — 151 ו. 26טע סט.
געלאנד בראס. — 12 א. 17טע סטריט.
געמינדער און האלפערן — 110 ו. 14טע סט.
גלאנטץ און שרייבער — 225 ו. 35טע סט.
גאלדבערג בראס. — 105 דיוויזשאן סט.
דזש. גאלדבערג — 45 דיוויזשאן סט.
גאלדבערג נ. און סאנס — 55 א. 11טע סט.
גאלדשטיין און האנדמאן — 48 ו. 35טע סט.
גארבער, פיליפ — 51 א. 8טע סטריט.
גראף און איידמאן — 229 7טע עוועניו.
גרינבערג, ל. און בראס. 151 ו. 26טע סט.
גרינבערג און ווינקעלמאן — 35 א. בראדוויי סיטי.
גראס, א. — 22 ו. 32טע סטריט.
האנדעלמאן, ק. — 138 ו. 17טע סטריט.
היים און הייב — 230 38טע סטריט.
הערמאן, ל. — 256 ו. 38טע סטריט.
האפמאן, מ. — 148 ו. 25טע סטריט.
יאנמאב קלאוק קא. — 16 ו. 19טע סטריט.
קאמהאלטץ און אלעקסאנדער — 56 א. 13טע סטריט.
קאפלאן און קושנער — 1252 בעדפארד עוו., ברוקלין.
קאנבליק, ב. — 20 ו. 17טע סטריט.
קוזעל, עד. — 6 ו. 32טע סטריט.
לא בעלע מאדעל — 240 ו. 35טע סטריט.
לאנדעסמאן בראס. — 15 ו. 24טע סטריט.
ליינדער און פאגעל — 136 ו. 21טע סט.
דזש. לעווין און סאן — 36 א. 9טע סט.
לעווי און מעדעסקא — 56 א. 11טע סטריט.
ש. לייבאוויטץ — 103 ו. 29טע סט.
מ. ג. גארמענט — 118 ו. 22טע סט.
מאהלער, ח. — 48 ו. 22טע סטריט.
מאנסקא קלאוק קא. — 36 ו. 20טע סטריט.
מאמיל קלאוק קא. — 126 ו. 22טע סטריט.
מעדיאום קלאוק קא. — 29 ו. 17טע סט.
מינקאף און לעסער — 143 ו. 20טע סט.
מינטץ, ראזענפעלד און ראלער — 241 ו. 37טע סטריט.
מאדעל וועריגג אפארעל — 220 ו. 19טע סט.
ניוגרעס ב. און קא. — 263 ו. 38טע סט.
ניומאן און שטיינלאוף — 236 ו. 26טע סט.
אלטמארש און אזטקין — 3 ו. 30טע סט.
פ. און ב. קלאוק קא. — 23 א. 8טע סט.
פאסטאמאניק, א. — 40 ו. 22טע סט.
פאטע און סאקרין — 48 ו. 27טע סט.
פעפער, י. — 22 ו. 21טע סט.
ש. און א. פאמעראנטץ — 265 ו. 37טע סט.
פרימאווערא, דזש. — 164 ו. 25טע סט.
פיראמיד קלאוק קא. — 32 ו. 20טע סט.
ראדאוויטץ, סאל. — 163 ו. 14טע סט.
ריעל קאוט קא. — 130 ו. 17טע סט.
רייבמאן און דזשאפע — 282 7טע עוועניו.
ריליבעל קלאוק און סוט קא. — 988 מוירטעל עוועניו, ברוקלין.
ריגביי קלאוק קא. — 15 ו. 18טע סט.
ראזענבערג און גאלדין — 130 ו. 29טע סט.
ראזענבלום און סאלאמאן — 126 ו. 22טע סטריט.
ראיאל קלאוק קא. — 40 א. בראדוויי.
רובין און ראסאף — 39 ו. 34טע סט.
רובינשטיין, ווס. — 153 קריסטי סט.
רובינשטיין און סארעצקי — 36 ו. 25טע סטריט.
סאדאלסקי, אראנאוו און קוזער — 263 ו. 38טע סטריט.
סענדלער, ווס. 126 ו. 22טע סטריט.
שאם און פערלמאן — 22 ו. 27טע סט.
שראגער און שניידער — 51 ו. 13טע סט.
שווארטץ און עפקין — 215 ו. 40טע סט.
שער און פאזנער — 132 ו. 21טע סטריט.
שולמאן בראס. — 26 ו. 20טע סטריט.
סילווער, מאקס — 143 ו. 20טע סט.
שטאר מאנופעקט. קא. — 145 ו. 30טע סט.
שטיין, בען — 200 ו. 19טע סטריט.

מיטוואך, 30טען דזשון

אלטמאן, הארן און סינגער — 213 ו. 35טע סטריט.
ארלאוו און קא., מ. — 305 7טע עוועניו.
אנדערמאן און קעלערמאן — 330 7טע עוו.
אראנאוויטש, מ. — 54 . 8טע סטריט.
אשער, ח. — 50 דיוויזשאן סטריט.
באוועדאן און דעסעל — 143 ו. 20טע סט.
בערענטי, ו. — 323 ו. 39טע סטריט.
בערנארד קאוט האוז — 142 ו. 26טע סט.
בערנשטיין און בערנשטיין — 252 ו. 29טע סטריט.
בלום און בראדערסאן — 820 בראדוויי.
בילטוועל קלאוק קא. — 122 ו. 27טע סט.
בראווערמאן קלאוק קא. — 47 דיוויזשאן סט.
בריקער און ראטשניק — 11 א. 17טע סט.
בוכמאן און מאקס — 32 ו. 20טע סט.
קאנטאר און פעלדמאן — 58 ו. 15טע סט.
קאם און דוף — 11 ו. 32טע סטריט.
קאהען און בארמיוויניק — 135 ו. 26טע סט.
קאסטער און באקסט — 27 ו. 24טע סטריט.
קאפערמאן, ח. — 48 ו. 25טע סטריט.
דארפמאן און לעווין — 31 ו. 31טע סטריט.
דרעיזינגער, ר. — 218 ו. 37טע סטריט.
עפשטיין, מאקס — 122 ו. 27טע סטריט.
אסלער, מאריס. — 361 ו. 36טע סטריט.
יורקא קלאוק און סוט — 42 ו. 15טע סט.
עווערי דיי סקוירט קא. — 14 ו. 22טע סט.
פ. ר. צ. גארמענט קא. — 142 ו. 26טע סט.
פאשיאן קלאוק קא. — 3152 פולטאן סטריט, ברוקלין.
פאשיאן קאוט און סוטס — 129 ו. 27טע סט., נ. י.
פאטמאוס קלאוק קא. — 12 ו. 19טע סט.
ל. פינגער — 171 — 6טע עוו.
פישער דזש. — 164 ו. 25טע סט.
פישער ה. — 147 ו. 25טע סט.
פרידענבערג און פארעם — 641 ו. 25טע סט.
פראסט קלאוק — 122 ו. 26טע סט.
גיני קלאוק — 24 עלערי סט., ברוקלין
גערסט, דזש. — 158 ו. 29טע סט.
גערשענוואלד און חעס — 142 ו. 24טע סט.
געטענגער און שאלען — 220 מאנהעטען עוו. ברוקלין.
גאלדבערג און מאגין — 25 ו. 31טע סט.
גערסטען און קא., ל. — 498 — 7טע עווע.
גאלדמאן און לעווים — 18 ו. 21טע סט.
לעהר און גובערמאן — 147 ו. 25טע סט.
לייבאוויץ און הערמאן — 49 א. בראדוויי
ליבערמאן און קא., דזש. 715 8טע עוו.
לעווין, חיימאן — 127 ו. 33טע סט.
לעווין און לעווין — 109 ו. 26טע סט.
סטיינבערג, ח. — 144 ו. 27טע סט.
סטערן, ראלף — 1531 באסטאן ראוד, בראנקס.
סטארעלי, ע. — 583 ברום סט.
סטראססמאן, פה. 362 ו. 26טע סט.
סטיילמעיד קאאט — 562 ו. 36טע סט.
זומער קלאוק און סוטס — 6 ו. 18טע סט.
סופרים גארמענט — 12 ו. 24טע סט.
סוסמאן און ראזענבערג — 142 ו. 24טע סט.
סוסמאן, מש. — 36 ו. 25טע סט.
סווירסקי און קאהען — 215 ו. 20טע סט.
טענענבאום און בלום — 1978 אטלאנטיק עוו., ברוקלין.
טיילאר, ב. — 27 ו. 24טע סט.
טראי קלאוק — 132 ו. 22טע סט.
אנדערוווי און שווארץ — 124 ו. 18טע סט
פלאק, ס. — 108 ו. 26טע סט.
וואשבערגער קלאוק — 114 ו. 27טע סט.
וואלדער און האלסבאנד — 108 ו. 18טע סט.
ווארסאו בראס. — 109 ו. 26טע סט.
וואסערמאן, ח. און קא. — 18 ו. 21טע סט.
וויינער און טימשין — 14 ו. 17טע סט.
וועינגער און בלומענקראנץ — 256 ו. 28טע סטריט.
וויינשטיין, דעיטש און טעפער — 135 ו. 17טע סט.
וויינשטיין און מאכס — 40 ו. 22טע סט.
וויים, מש. — 29 ו. 31טע סט.
וועלל מעיד קלאוק — 50 א. 18טע סט.
ווילנער און פאסקוזי — 29 א. 30טע סט.
ס. ווישנאק — 252 ו. 38טע סט.
ווימענבערג און ווינער — 45 א. בראדוויי.
יעגער און בערנשטיין — 575 — 8טע עוו.
זאריצקי און שיפמאן — 38 ו. 26טע סט.
זעלקין און יאבלאן — 132 ו. 21טע סט.
צוקער און געלער — 148 ו. 24טע סט.
גארדאן און פרעיד — 5 ו. 21טע סט.
גראסווערמאן און כאלעט 463 7טע עוו.
תאבער און ליבענטאל — 109 ו. 27טע סט.
תאנאוער און ארענשטוין — 237 ו. 36טע סט.
ו. חעכט און קא. — 108 ו. 25טע סט.
העיטנער און כאכטיי — 332 — 7טע עוו.
העננים און וואגנער — 252 ו. 37טע סט.
הילזענראט און הארדים — 45 א. 20טע סט.
האך און בעלינסקי — 802 איסט, 5טע סט.
האכבערג און ראזמאן — 142 ו. 26טע סט.
הארוואוויטש און דארנפעסט — 28 ו. 27טע סטריט.
אימפעריאל קלאוק קא. — 15 ו. 26טע סט.
איצקאוויץ און פריד — 56 ו. 22טע סט.
יאקאב און יאקאב — 262 ו. 38טע סט.
יאכאף און באוסעל — 20 א. 17טע סט.
יוגענטפריינד און פיינגאלד — 81 ו. 27טע סטריט.
יאזעפסבערג — 148 לעאנארד סט., ברוקלין.
קארפ און שולמאן 143 ו. 20טע סט.
קאופמאן און סילווער — 113¼ דיוויזשאן סט.
חעררי בראס. — 115 ו. 30טע סט.
קעסלער און קאליש — 129 ו. 27טע סט.
קלאריק בראס. — 135 ו. 27טע סט.
קלאסקאו און מאזור — 382 — 7טע עוו.
ב. קליין — 15 ו. 28טע סט.
קעננג און מאזור — 140 ו. 30טע סט.
קאפסקי און גישערמאן — 145 ו. 27טע סט.
קראז און מאנדשיין — 262 ו. 38טע סט.
קריניק און פייגענבאום — 263 ו. 38טע סטריט.
קאבריק און מאזלין — 48 ו. 25טע סטריט.
קופצער און שלאזבערג — 138 ו. 25טע סט.
ל. און ל. קאאט — 127 ו. 26טע סט.

דאנערשטאג 1טען דזשולאי

ל. ק. און ס. — 3210 — 3טע עוו.
לעבאף און באסקינד — 28 א. 22טע סט.
סעמועל לעווי — 12 ו. 32טע סט.
א. לייבערמאן — 245 ו. 27טע סט.
ליבערטי גארמענט — „א"1138 ליבערטי עוו., ברוקלין.
ליטל קווין חעט קא. — 37 ו. 26טע סט.
ליף בראס. — 28 ו. 25טע סט.
לעווין און פעלדמאן — 118 ו. 22טע סט.
א. ליפשיטץ — 39 א. בראדוויי.
מאלטיי און טייבער — 209 ו. 38טע סט.
מאנטעל און רודניק — 91 דיוויזאן סט.
פיליפ מארקוס — 575 — 8טע עוועניו.
מארקמאן און בערקאוויי — 50 ו. 29טע סטריט.
מאריוויין קלאוק קא. — 152 ו. 25טע סט.
מיכאעלס קלאוק קא. — 127 ו. 26טע סט.
מיללער און אדלער — 252 ו. 29טע סט.
מילסטיין און גראן — 333 — 7טע עוו.
מינקאף און ארבעיט — 234 ו. 39טע סט.
מאל און סעיפערט — 247 ו. 36טע סט.
מארטימער קלאוק און סוט — 139 ו. 19טע סטריט.
מאזעס און אדעלסאן — 13 ו. 31טע סט.
מאסטאפסקי בראס. — 114 ו. 125טע סט.
ב. מאשקאווסקי און זון — 251 ו. 39טע סטריט.
נ. ב. א. קלאוק — 30 ו. 21טע סט.
נאנסי קאוט האוז — 236 ו. 26טע סט.
פאדאלסקי און סארקין — 250 ו. 40טע סט.
ח. פאסטענקאף — 39 דיוויזאן סט.
פאול, שווארץ און רעיטער — 263 ו. 38טע סטריט.
פעבראן און דאברין — 110 ו. 14טע סט.
פעטערס און פעלינסקי — 25 ו. 31טע סט.
פילראוז קלאוק און סוט — 209—219 ו. 38טע סט.
פארטנאי און פאלאק — 136 ו. 25טע סט.
פראגער און גאלדסטיין — 28 ו. 31טע סט.
סאמועל פריני — 225 ו. 35טע סט.
ראי'ס קלאוק און סוט האוז — 145 ו. 30טע סט.
ראוך בראס. — 148 ו. 37טע סט.
רעש און קאנטראוויי — 114 ו. 30טע סט.
ח. און ב. ראזען 36 ו. 26טע סט.
דזש. ראזענפעלד און קאהען — 109 ו. 26טע סט.
הוימאן ראטה — 158 ו. 22טע סט.
בען ראטהבלום — 247 ו. 37טע סט.
רובין און אבראמסאן — 53 א. 8טע סט.

פרייטאג, 2טען דזשולאי

איי וואן קלאוק — 28 ו. 27טע סטריט.
אדעלמאן און קא. — 250 וועסט 40טע סט.
אסיגי בראס. — 236 איסט 10טע סטריט.
בעק גאלדבערג און מיטשעל — 34 וועסט 27טע סטריט.
בלאו און דזשייקאמאוויטש — 151 וועסט 30טע סטריט.
בראדאקס און שניר — 135 ו. 27טע סט.
וויקטאר קאהען — 2352 פיטקין עוו. ברוקלין
דענן און קא. — 54 איסט 11טע סטריט.
דיע און האריב — 33 זיבעטע עוועניו
ד. דרעטצין — 110 ו. 14טע סט.
אירא ח. דרייפוס — 25 ו. 37טע סט.
פייגעלמאן און שאבאטסקי — 129 וועסט 22טע סטריט.
פראנק און בערסי — 12 ו. 27טע סט.
געמערמאן און שארפשטיין, 1372 בראדוויי.
גלאוב קלאוק — 25 ו. 15טע סט.
פיליפ גאלדשטיין — 34 ו. 15טע סט.
פיליפ גאלדשטיין — 34 ו. 27טע סט.
גודמאן און פעוואוויקיי — 36 א. 10טע סט.
גאטהאם גוירלס קאוט — 205 ו. 39טע סט.
גואראנטיד גארמענט קא. — 498 — 7טע עוו.
ב. חעלער און קא. — 230 ו. 38טע סט.
תאלאנדער בראס. — 263 גרין סט.
א. דזשאנאס און קא. — 265 ו. 37טע סט.
קער סטיינבערג און פיעלד — 19 ו. 24טע סט.
קרוגער און יאנאדא — 186 מאנהעטען עוו. ברוקלין.
שאס. לעווקאו — 150 ו. 22טע סט.
ליזווי טארטארא — 138 ו. 27טע סט.
א. לואיס און קא. — 56 ו' 24טע סט.
לעטין בראס. — 86 דיוויזשאן סט.
לאבעמאן קלאוק — 287 הענדריקס סט., ב'לין.
מארגאליס און לעווין — 79 פינפטע עוו.
נארלער און ראטמאן — 327 ו. 36טע סט.
אוירוויגג ניומאן — 129 ו. 22טע סט.
ר. און ק. 215 ו. 20טע סט.
ראמבילט קלאוק האוז — 150 ו. 22טע סט.
ס. און ב. גארמענט — 109 ו. 26טע סט.
ל. זאוושדניק און קא. 28 ו. 27טע סט.
לואיס סאקס — 270 ו. 28טע סט.
שניידער און גרינבערג — 222 ו. 28טע סט.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.) אַז מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאָרקערס יוניאָן

Vol VIII. No. 27. New York, Friday, July 2, 1926 פרייטאג, 2טען יולי, 1926 PRICE 3 CENTS

קלאוקמאכער גענעראל סטרייק דערקלערט; גרויסע דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקווער גארדען

אלע קלאוקמאכער פון גרייטער ניו יארק שטעלען אפ די ארבייט אויפ'ן רוף פון דער יוניאן. — איבער 20 טויזענט מענער און פרויען איבערפילען דעם ריזיגען מעדיסאן סקווער גארדען דינסטאג, 4 אזייגער נאכמיטאג. — זיגמאן, היימאן און גאלד ווערען אויפגענומען מיט א שטורמ'דיגער אוואציע. — רעזאלוציע פאר א סטרייק איינשטימיג אנגענומען אונטער א האגעל פון אפלאדיסמענטען. — מעדיסאן סקווער גארדען פארהילכט מיט הורא־געשרייען פאר א קאמף ביז צו א זיג.

און דאס ערוואַרטעטע איז געשעהן!

אויף דעם רוף פון דער יוניאן, האבען די צעהנדליגער טויזענטע קלאוקמאכער געווארפען די ארבייט דינסטאג 4 אזייגער ביי טאג, און האבען אנגעפילט און איבערגעפילט דעם ריזיגען מעדיסאן סקווער גארדען!

איבער 20 טויזענט קלאוקמאכער, מענער און פרויען, האבען אנגעפילט דעם ריזיגען פלאץ, פונ'ם אונטערשטען פלאר ביז סאמע אויבען, די לעצטע גאלעריי, און אלעמענס הערצער האבען געשלאגען צו איין טאקט, — פאר א קאמף מיט די באלעבאטים ביז צו א זיג, פאר די פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט.

א הערליך, פרעכטיג בילד האט מיט זיך פארגעשטעלט די גראנדיעזע פארזאמלונג. עס איז געווען א ים פון מענשען־קעפ, און ווען עפעס א מורמלען האט זיך דורכגעטראגען איבער דעם ריזיגען זאל, האט עס גערוישט און געברויזט ווי די מעכטיגע כוואליעס פון רוישענדיגען ים! און ווי שטארק און מעכטיג איז דער פאראייניגטער ווילען פון אזא ריזיגער, קאמפאקטער, באוואוסטזיניגער מאסע! אזא קראפט וועלען די קלאוק באלעבאטים ניט באזיגען קיין מאל אין זייער לעבען!

דינסטאג, 2 אזייגער בייטאג, האט זיך שוין גענומען קלייבען אן עולם ארום דעם מעדיסאן סקווער גארדען, און ווען עס האבען זיך געעפענט די טירען, ארום 3 אזייגער איז שוין געשטאנען אין ליין א מאסע פון זעקס טויזענט. דאס איז געווען דער אוואנגארד. און מענשען האבען געהאלטען אין קומען אלץ מעהר און מעהר.

און אט האט דער זייגער געשלאגען 4, די שטונדע, וואס די יוניאן האט באשטימט, מען זאל ווארפען די ארבייט און געהן צו דער פארזאמלונג. און אין פולער דיסציפלין האבען די קלאוקמאכער פארלאזען די שעפער און מאסענווייז מארשירט זיך צו באטייליגען אין דער וואונדער שעהנער דעמאנסטראציע אין דעם ריזיגען גארדען.

אין דעם „גארמענט סענטער", וואו די קלאוקמאכער פינסטערען אפ דאס לעבען פאר דאס שטיקעל טרוקען ברויט, האט אין מיטען טאג גענומען זידען און קאכען; א מענשען־שטראם האט זיך געצויגען פון „גארמענט סענטער" צו דעם מעדיסאן סקווער גארדען, און וואס א פאר מינוטען שפעטער, איז דער שטראם געווארען אלץ גרעסער. און עס האט נישט לאנג גענומען און דער ריזיגער גארדען איז אנגעפילט און איבערגעפילט געווארען מיט א פעסט ענטשלאסענע מענשען־מאסע. בלויז דער אנבליק פון דער ריזיגער פארזאמלונג האט ביי יעדען ארויסגערופען ענטוזיאזם און באגייסטערונג, און דאס האט מען געזעהן אויף יעדען פנים. ביי יעדען האט געלויכטען דאס פנים פון ענטוזיאזם, גרייט צום קאמף ביז צו א זיג!

די שורות ווערען געשריבען מיטוואך אין דער פריה. געדרוקט וועט עס ווערען מיטוואך פארנאכט, און דאנערשטאג, ווען די שורות וועלען געלעזען ווערען, וועלען די קלאוקמאכער שוין זיין אין קאמף!

די פיהרערשאפט פון דער יוניאן האט דעם סטרייק פארבערייטעט ווי עס באדארף צו זיין, און ווי נאר די ריזיגע מאסע האט דינסטאג בייטאג איינשטימיג גוטגעהייסען צו רופען א סטרייק, איז עס באשלאסען געווארען, דער סטרייק זאל טאקע באלד גערופען ווערען, כדי ניט צו געבען קיין מעגליכקייט די באלעבאטים זיך צו באזארגען מיט א סטאק ארבייט.

און מיר זיינען זיכער, דאס פונקט אזוי גוט ווי אלע קלאוקמאכער האבען דינסטאג ביי טאג געהערט דעם רוף פון דער יוניאן, און האבען שטראמענווייז זיך געצויגען אין מעדיסאן סקווער גארדען, פונקט אזוי גוט וועלען זיי דאנערשטאג, דעם 1טען דזשולי, 10 אזייגער אין דער פריה, הערען דעם צווייטען רוף פון דער יוניאן, און וועלען מאסענווייז שטראמען צו די סטרייק־האלס וואס די יוניאן האט פאר זיי צוגעגרייט.

און מען קאן עס זאגען גאנץ באשטימט: די קלאוקמאכער וועלען זיך ניט צוריקקערען אין די שעפער, ביז די גערעכטע פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט וועלען נאכגעגעבען ווערען.

דער סטרייק־רוף איז דאנערשטאג גאנץ פריה פארטיילט געווארען ארום אלע שעפער, און עס איז קיין פראגע ניט, אז דער רוף וועט פינקטליך געהערט ווערען.

אט איז דער אפיציעלער סטרייק־רוף וואס די יוניאן האט ארויסגעגעבען:

גענעראל סטרייק אין קלאוק טרייד ערקלערט!

היינט, דאנערשטאג, דעם 1טען דזשולי, 10 אזייגער אין דער פריה, מוז יעדער אפערייטאר, פינישער, פרעסער, קאטער, סעמפעלמאכער, סקוירט־מאכער, דעזיינער, עקזאמינער, בושלער און באטאנהאל מאכער אוועקלייגען די ארבייט, מיטנעמען זייערע טולס און צוזאמען רוהיג מארשירען צו די האלס וועלכע ווערען דא אנגעוויזען.

קלאוקמאכער! היינטיגער טאג דארף אנשרייבען א נייע בלאט אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן.

היינט איז דער טאג אין וועלכען די קלאוקמאכער ערקלערען פאר דער גאנצער וועלט אז זיי קענען מעהר אונטער די איצטיגע אומשטענדען ניט לעבען און אז זיי זיינען גרייט דורך דעם סטרייק זייער לאגע צו פארבעסערען.

קלאוקמאכער, ברידער און שוועסטער! די קלאוק אינדוסטריע וועלכע גיט מעגליכקייטען פאר די באלעבאטים צו זאמלען מיליאנען און לע־

(שלוס אויף זייט 8)

גענעראל עקזעקוטיוו באארד גיט $10,000 די סטרייקענדע מיינערס אין ענגלאנד

סעקרעטער באראף שיקט ארויס אן אפיל צו די לאקאלס.

לעצטע וואך איז אפגעהאלטען געווארען א ספעציעלער מיטינג פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, אין באצוג צו העלפען די סטרייקענדע מיינערס פון ענגלאנד, און עס איז באשלאסען געווארען זיי צו שיקען 10,000 דאל. דער מיטינג איז איינגערופען געווארען אויף גיך און עס זיינען אנוועזענד געווען בלויז די מעמבערס פון דער באארד וואס געפינען זיך אין ניו יארק.

אויף דעם מיטינג זיינען אנוועזענד געווען: פרעזידענט מאריס זיגמאן, סעקרעטאר אב. באראף און די וויים־פרעזידענטען: דזש. האלפערין, ס. ניניפא, ל. היימאן, ד. דובינסקי, ה. גרינבערג, י. בארוכאוויטש, דזשוליוס פארטנאי, לואידזשי אנטאניני און ד. גינגאלד. עס איז אנגעוויזען געווארען אויף דעם מיטינג, דאס די סטרייקענדע מיינערס אין ענגלאנד נויטיגען זיך שטארק אין מאטעריעלער הילף און דאס זיי האבען זיך געווענדעט צו דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג זיי צו העלפען, און דער באשלוס איז די אינטערנעשאנאל זאל זיי העלפען מיט צעהן טויזענט דאלאר.

אויף דעם מיטינג פון באארד איז אויך באשלאסען געווארען, דאס פינף טויזענט דאלאר זאל אפגעשיקט ווערען צו די מיינערס באלד, און 5000 דאלאר שפעטער. צו די ערשטע פינף טויזענט דאלאר גיט דער ניו יארקער דזשאינט באארד דריי טויזענט און דער גענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל צוויי טויזענט.

אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דעם מיטינג, האט סעקרעטאר באראף די טעג ארויסגעשיקט אן אפיעל צו אלע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, זיי אויפפאדערענדיג צו העלפען די קוילען סטרייקער פון ענגלאנד.

עס איז צו האפען, דאס די באאמטע פון די לאקאלס איבער'ן לאנד וועלען עס גלייך פארברייטען פאר די מיטגלידער און די נויטיגע הילף וועט באלד צוגעשיקט ווערען אין גענעראל אפיס, פון וואנען עס וועט איבערגעשיקט ווערען דירעקט צו די מיינער־סטרייקער אין ענגלאנד.

בענדזשאמין שלעזינגער ווערט וויים־פרעזידענט פון אינטערנעשאנאל באנק

ברודער בענדזשאמין שלעזינגער, וועלכער איז זעהר גוט בעקאנט צו די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל, איז איינגעלאדען געווארען צו ווערען וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן - באנק און ער האט דיעזע איינלאדונג אנגענומען.

ברודער שלעזינגער איז ביז איצט געווען מענעדזשער פון וועסטערן עדישאן פון „פארווערטס", וועלכע ווערט געדרוקט אין שיקאגא. ער האט דיעזע ארבייט אויפגעגעבען, און איצט וועט ער ווערען טהעטיג אין דער יוניאן־ באנק.

די נייעס וועגען שלעזינגער'ן איז מיט א פאר טעג צוריק בעקאנט געמאכט געווארען דורך א מעלדונג פון פרעזידענט זיגמאן, וועלכער איז אויך פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק. די ערקלעהרונג לייענט זיך ווי פאלגט:

„בענדזשאמין שלעזינגער קומט נאך ניו יארק און וועט זיין דער וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק, 5־טע עוועניו און 21טע

(שלוס אויף זייט 12)

קלאוק מאכער אויפמערקזאם!

אלע וואס וויסען, אדער האבען א פארדאכט, אז אירגענד־וואו, אין ניו יארק אדער ארום ניו יארק, האט זיך געעפענט, אדער האלט זיך ביים עפענען א קלאוק־שאפ, זיינען געבעטען עס צו לאזען וויסען אין אפיס פון דער „אוט אוו טאון דעפארטמענט" פון דער יוניאן, אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, 2טער פלאר.

ברודער דזש. האלפערין, טשערמאן פון דער „אוט אוו טאון קאמיטע" אדער זיין סעקרעטאר, וועלען זיין אין אפיס יעדען טאג, פון אין דער פריה ביז אין אוונט.

קלאוקמאכער! פארפעלט ניט צו ברענגען אירגענד וועלכע אינפארמאציע וואס איהר האט.

יוניטי הויז אין פאַרעסט פאַרק געעפענט מיט פראַכט און גלאַנץ

סעקרעטאר באראף און וויים-פרעזידענט האלפערין האלטען קורצע רעדעס. — דער עולם אמוזירט זיך אויף א גרויסארטיגען קאנצערט. — דזשאינט באארד און פילע לאקאלס שיקען דעלעגאציעס.

די יוניטי הויז אין פאַרעסט פאַרק, די גרויסאַרטיגע זומער היים, וואָס אונזער אינטערנעשאַנאַל האָט געשאַפען פאַר די מיטגלידער, זייערע פאַמיליעס און פריינד, האָט זיך געעפענט מיט פראַכט און גלאַנץ פאַראַכטאָגען פרייטאַג. אַריבער דריי הונדערט מענשען זיינען אַנוועזענד געווען ביי דער ערעפענונג. דאָס זיינען געווען די ערשטע געסט, וואָס זיינען אַרויסגעקומען היינטיגען סיזאָן.

די אַפיציעלע ערעפענונג איז פאַרגעקומען שבת ביינאַכט, און צו דער געלעגענהייט איז אין דעם יוניטי טאַנץ זאַל געגעבען געוואָרען אַ גרויסאַרטיגער קאַנצערט, מיט באַריהמטע קינסטלער, וועלכע האָבען דאָס מאָל גאָר באַזונדערס אויסגענומען ביים עולם.

דער באַרימטער קאָנצערטינא שפּילער גרענאַרי מאַטוסעוויטש האָט אַרויסגערופען פיל באַגייסטערונג מיט זיין קינסטלערישען שפּילען און דער עולם האָט גאָר ניט געוואָלט איהם אַרונטערלאָזען פון דער ביהנע. ער האָט געשפּילט איין נומער נאָכן צווייטען. מיט יעדען נומער וואָס ער האָט געשפּילט, איז אַלץ מעהר געשטיגען די באַגייסטערונג פאַר זיין קינסטלערישען שפּילען אויף זיין קאָנצערטינא.

דאָס גלייכען האָט אַרויסגערופען באַגייסטערונג מאַדאַם דאָראַ באַשאַווער מיט איהר זינגען און באַזונדערס מיט איהרע אימפּראָוויזאַציעס. אויך זי איז איינינע מאָל אַרויסגערופען געוואָרען און האָט געמוזט געבען איין „ענקאָר" נאָך דעם צווייטען.

אַ באַזונדער דאַנק קומט איהר מאַן, מיר געדענקען לוידער ניט זיין נאָמען. ער איז אַ פּיאַנאָ קינסטלער און האָט באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ אַלע וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין קאָנצערט.

דער דריטער אויף דער פּראָגראַם איז געווען דער באַריהמטער פאַרלעזער און שוישפּילער, רובין גאָלדבערג. ער האָט באַוויזען, אַז דאָס וואָס מען אַנאָנסירט איהם אַלס „דער קינסטלער פון הומאָר און לאַכען" איז אַבסאָלוט ריכטיג. די עטליכע זאַכען וואָס ער האָט פאַרגעלעזען און פאַרגעטראָגען, האָבען אַרויסגערופען פיל האַרציגען געלעכטער, אַז דער טאַנץ זאַל האָט אַזש געציטערט. און אויך ער האָט געמוזט געבען דעם עולם נאָך און נאָך.

דער גרויסאַרטיגער אָוונט איז געעפענט געוואָרען פון וויים-פּרעזידענט האַלפּערין, דער טשערמאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל יוניטי הויז קאָמ., וואָס האָט די אויפזיכט אויף דער יוניטי הויז. ער האָט געזאָגט אַ פּאָר וואַריעמע ווערטער, און אָנגעוויזען אויף דער גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס ליגט אויף דער מענעדזשמענט צו פאַרוואַלטען אַזאַ גרויסען פּלאַץ צו אַלעמענס צופרידענקייט. ער האָט פאַרגעשטעלט די „טשיפס" פון די אַלע דעפּאַרטמענטס און האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דעם הויפּט-„טשיעף" דער נייער מענעדזשער, פריינט אַליוועה. פריינט אַליוועה — האָט האַלפּערן ערקלערט — איז אַ מענש פון גרויס ערפאַהרונג אויף דעם געביט, און ער איז ניט בלויז אַ מענעדזשער, וואָס אַרבייט נאָר פאַר'ן געהאַלט וואָס ער באַקומט. פריינט אַליוועה איז אַ הייסער פריינט פון דער יוניטי הויז, איז שוין פריהער איינינע מאָל געווען פאַרבונדען מיט'ן פּלאַץ, און צו מאַכען, אַז די יוניטי הויז זאָל האָבען ערפאָלג אין אַלע הינזיכטען איז זיין אידעאַל. און ער אַרבייט מיט ליב און לעבען דעם אידעאַל צו פאַרווירקליכען.

דער איינציגער רעדנער פון אָוונט איז געווען סעקרעטאַר באַראַף. ער האָט נים געוואָלט אויסנעמען ביים עולם פיל צייט און האָט געהאַלטען אַ קורצע, וואַרימע רעדע.

אין נאָמען פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט ער באַגריסט אַלע געסט, און אָנגעוויזען, אין קורצען, אויף דער אידעע, וואָס שטעקט הינטער דער יוניטי הויז. „די יוניטי הויז—האָט ער אויסגערופען—איז אַ שטאָלץ פאַר אונזער יוניאָן! און נים אונזער יוניאָן אַליין, די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג שטאָלצירט מיט אונזער זומערדיגען אַרבייטער טעמפּעל, די יוניטי הויז". אָבער אין דער פייערליכקייט פון דעם מאָמענט האָט ער נים פאַרגעסען אָן אונזערע מיטגלידער פון שיקאַגאָ, וואָס זיינען לעצטע וואָך אַוועק אין פּריזאָן אָפּזיצען זייער טערמין פאַר דעם „פאַרברעכען" וואָס זיי זיינען געווען גוטע פּיקעטס אין לעצטען דרעסמאַכער סטרייק אין שיקאַגאָ. אין נאָמען פון אַלע אַנוועזענדע האָט ער אויסגעדריקט גרוס באַ־

דויערען, דאָס אין דער צייט וואָס מיר האָבען זיך אַזוי גוט אַמוזירט אין דער יוניטי הויז צום קאָנצערט, דאַרפען זיי דאָרטען שמאַכטען אין פּריזאָן.

צו דער ערעפענונג פון דער יוניטי הויז זיינען געשיקט געוואָרען דעלעגאַציעס פון כמעט אַלע אונזערע לאָקאַלס אין און אַרום ניו יאָרק און פילאַדעלפיא. דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד איז געווען פאַרטראָטען דורך י. סטענזער — לאָקאַל 2, ל. היימאַן — לאָקאַל 9, דזש. פיש — לאָקאַל 10 און י. דייווידאָוו — לאָקאַל 35. פון אונזער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, אַ חוץ באַראַף, האַלפּערין און היימאַן, זיינען אויך אַנוועזענד געווען דייוויד דובינסקי — לאָקאַל 10, ד. גינגאָלד—לאָקאַל 20, לואידזשי אַנטאָניני—לאָקאַל 89, ה. גרינבערג — לאָקאַל 91, און ה. רייזבערג, פון פילאַדעלפיא.

פּרעזידענט זיגמאַן שיקט טעלעגראַמע

פּרעזידענט מאָרים זיגמאַן האָט געדאַרפט זיין זונטאָג אין באָסטאָן, אויף דעם 20 יעהריגען יובילעאום פון לאָקאַל 12, און האָט ניט געקענט זיין צו דער עפענונג פון דער יוניטי הויז. ער האָט צוגעשיקט די פאָלגענדע באַגריסונג טעלעגראַמע, וועלכע איז פאָרגעלעזען געוואָרען שבת אָוונט.

„איך באַדויער זעהר, וואָס איך קען ניט זיין מיט אייך, צו דער ערעפענונג פון אונזער וואונדערבאַרער אינסטיטוציע, די אינטערנעשאַנאַל יוניטי הויז.

„עס זיינען דאָ ווייניג פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון אונזער באַוועגונג וואָס איז אַזוי שעהן און באַגייסטערנד, ווי די יעהרליכע עפענונג פון דער יוניטי הויז. דאָרטען, אין מיטען פון דער רייכקייט און שעהנקייט פון דער נאַטור ווערט פאַרווירקליכט דער גרויסער אידעאַל פון אמת'ער יוניטי. פון טיפען האַרצען ווינש איך אַלעמען דאָרט גוט צו פאַרברענגען, און אונזער יוניטי הויז ווינש איך אַן ערפאָלגרייכען סיזאָן, זי זאָל פּאַטראָניזירט ווערען פון אַלע אונזערע מיטגלידער, ווי זי פאַרדינט עס גאַנץ כשר.

מאָרים זיגמאַן".

די מעהרסטע פון די געסט צו דער עפענונג זיינען שוין פאַרבליבען דאָרטען פאַר זייער וואַקיישאַן... עס האָט אונז שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס מיר האָבען זיי דאָרט געלאָזט און אַליין געמוזט פאָהרען אין שטאָדט אַריין.

איצט איז די יוניטי הויז אָפען פאַר אַלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאַנאַל מיט זייערע פאַמיליען און פריינט. לאָזט זיך נים בעטען! רעדזשיסטרירט אייך אין אָפיס פון דער אינטערנעשאַנאַל. פּאַקט איין דאָס סעטשעל און פאָהרט. נעמט אונזער עצה, איהר וועט אונז דאַנקען דערפאַר.

אַ ערנסטער וואָרט אין צייט

(שלוס פון זייט 1)

אין יעדע אָנשטרענגונג וואָס ווערט געמאַכט צו געווינען די שלאַכט!

מיר ווילען נים באַהאַלטען דעם פאַקט, דאָס זאָגאָר איצט, אין דיזער קריטישער שטונדע אין לעבען פון אונזער יוניאָן, געפינען זיך מאַנכע מענשען וואָס זוכען צו טרייבען קלייזעל-פּאָליטיק אויף דעם חשבון פון אָנקומענדען סטרייק. מיר באַמערקען עס אין געוויסע טיילען פון דער פּרעסע, וואו פאַרזוכען ווערען געמאַכט צו זייען מיסטרויען אין אונזערע רייהען.

ברידער און שוועסטער!

זאָל דיזער אַפּיל פאַר אמת'ע איינינקייט אין דעם גרויסען קאַמף וואָס שטעהט אונז פאַר, דינען פאַר אייך אַלס אַ וואָרנונג, אַז אין דיזע טעג מוזען מיר האָבען בלויז דעם איינציגען ציל, דעם איינציגען אַלגעמיינעם צוועק פון אַלע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן: צו שטעהן איינינ און סאָליד ווי אַן אייזערנע וואַנט געגען דעם פיינד! לאָזט זיך נים פּראָוואָצירען פון די העצערייען, פון וואָסערען זייט זיי זאָלען נים קומען, וואָס זוכען אָפּצושוואַכען אונזערע כחות און שפּאַלטען אונזערע רייהען.

לייגט אַוועק אָן אַ זייט, און פאַרגעסט איצט, אַלע אייערע פּערזענליכע אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלע קריוודעס. אַלע מוזען שטעהן איינינ אין דעם גרויסען קאַמף.

קלאָוקמאַכער: האַלט טייער די פּאַראייניגטע קראַפט פון אונזערע אָרגאַניזירטע מאַסען, אונזער איינציגער שליסעל צו ערפאָלג אין קאַמף מיט'ן אַלגעמיינעם שונא!

מיט ברידערליכען גרוס,

מאָרים זיגמאַן,

פּרעזידענט אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

פּרעזענטירען שאַפּ טשערמאַן

מיר די אַרבייטער פון לואיס קאַהען, 1370 בראָדוויי, פאַרזאַמעלט ביי אַ שאַפּ-מיטינג דאָנערשטאָג, דעם 17טען דזשון, פּרעזענטירען אונזער שאַפּ־טשערמאַן, ברודער ראובן אַלפּער, מיט אַ ראַדיאָ סעט, אַלס אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר זיין אַקטיוויטעט צו גונסטען די אַרבייטער פון שאַפּ. מיר פאַרפליכטען זיך צו געבען איהם די פולע קאָאָפּעראַציע אין זיין ווייטערע טעטיגקייט אַלס טשערמאַן פון שאַפּ.

דזשייק ראָזענטאַל, דזשאָו וואָלאָוויץ, לואי ריימען, מעקס מענעס, מאַקס קאַמינסקי. די קאָמיטע

פיהרער פון א. פ. און ל. אין אילינאָי סטייט פאַרלאַנגען גאָווערנאָר זאָל באַפרייען דרעס־סטרייקער

(שלוס פון זייט 3).

איז געזעסען 5 טעג. זי האָט געקראָנקען די קלענסטע צאָהל טעג און 150 דאָלאַר שטראַף, וועלכע די יוניאָן וועט פאַר איהר באַצאָהלען.

באַרקאַן און נאָוואַק געהען אָפּזיצען זייער טערמין.

אין דער צייט ווען מיסס גרינבערג און מיסס סיידעל האָבען פאַרלאָזען קוק קאַונטי דזשייל, איז ברודער מאיר ראַבקין אַריין אין דזשייל צו זיצען 50 טעג פאַר דעם זעלבען פאַרברעכען. אַ גרופּע קלאָוקמאַכער פון פאַרשידענע לאָקאַלס האָבען זיך מיט איהם געזעגענט ביי אַ דינער אין ראָזענטהאַל'ס רעסטאָראַנט.

זיי האָבען איהם אויך באַגלייט אין דזשייל אַריין. ראַבקין האָט ערקלעהרט אַז ער געהט אין דזשייל מיט אַ ריינעם געוויסען אַז ער האָט ניט־געבראָכען קיין געזעץ, אויסער דעם וואָס ער האָט געטאָן זיין פליכט אַלס יוניאָן מאַן, אין צייט פון אַ קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען און מענשליכע רעכטע פאַר די אַרבייטער.

די וואָך האָט אויך געדאַרפט געהן זיצען ברודער נאָוואַק, ער איז אָבער קראַנק אין בעט און וועט געהן אַזוי גיך ווי ער וועט פיהלען אַביסעל בעסער.

באַגריסונג טעלעגראַמע פון אונזער אינטערנעשאַנאַל

אונזער אינטערנעשאַנאַל האָט געשיקט די פאָלגענדע טעלעגראַמע צו די אַרעסטירטע, אין קוק קאַונטי דזשייל.

„שוועסטער און ברידער! דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, און די גאַנצע מעמבערשיפּ פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, שיקען אייך אונזער האַרציגע באַגריסונג. מיר אַלע זיינען שטאָלץ אויף אייך! מיר זיינען שטאָלץ ווי העלדיש איהר האָט זיך געהאַלטען, געהענדיג אין פּריזאָן. איהר ווייסט, אַז איהר ליידט נים פאַר זיך אַליין. איהר זיינט קעמפער פאַר'ן אַרבייטער קלאַס, אין דעם גרויסען קאַמף געגען שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. און מיר זיינען זיכער, דאָס ווי נאָר איהר וועט אַרויס פון פּריזאָן וועט איהר זיך ווידער שטעלען אין אונזערע רייהען, ווייטער פאָרטצוזעצען דעם גרויסען קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס.

מאָרים זיגמאַן, פּרעזידענט.

אברהם באַראַף, סעק.־טרעזשורער.

קנאַפּע 30 טויזענד אין די פעדעריישאַן האָספּיטעלער.

עס איז איצט באַקאַנט געוואָרען, אַז קנאַפּע דרייסיג טויזענט מענשען האָבען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר געקראָגען הילף אין די האָספּיטעלער, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון דער צדקה־פעדעריישאַן, און אַז איבער אַ דריטעל פון דער צאָל זיינען געווען איינגאַנצען אומזיסטע פּאַציענטען.

דער בודזשעט פון זעקס האָספּיטעלער, וואָס באַלאַנגען צו דער פעדעריישאַן, איז דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר געווען דריי מיליאָן און זעקס הונדערט און אַכציג טויזענט דאָלאַר.

שוין אָפען!

די יוניטי הויז

אין פאַרעסט פאַרק, פּאַ.

פון דער

אינטערנעיישאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

איז שוין אָפען פאַר'ן זומער

קומט אַלע און פאַרברענגט אַן אַנגענעמען וואַקיישאַן. אין דער יוניטי הויז האָט איהר פון אַלעם גוטען: גוטע, געשמאַקע עסענס, צימערען מיט אַלע שטאָטישע באַקוועמליכקייטען איינגעטונקט אין בלומען און פלאַנצען, וואָס מען זעהט נים אין ערגעץ אַ חוץ אין יוניטי לאַנד. אויב איהר ווילט באמת גוט פאַרברענגען, פאַרפעהלט נים צו זיין דאָרט!

אַ חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאַנאַל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און זאַגסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער אַרבייטער באַוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאַן אָפיס איז אין דער אינטערנעשאַנאַל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק. טעלעפאָן טשעלסי 2148

דער אָפיס איז אָפען ביז 7 אוהר אָוונט, אַרבייטער זאָלען קאָנען זיך רעדזשיסטרירען געהענדיג פון דער אַרבייט.